STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10717

# RAYZE-BILDER

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יִצכאָק-לייבוש פערעץ

# רײַזע-בילדער

אָגיז
מעלוכע-פארלאג „דער עמעס" מאָסקווע
1947

# אינהאלט

## רײַזע-בילדער (1891)


| | זײַט |
|---|---|
| I. פאָרעדע | 3 |
| II. ביטאָכנ | 5 |
| III. נאָר גיי! | 7 |
| IV. וואָס דארפ א ייִדענע? | 11 |
| V. נומער 42 | 14 |
| VI. דער מאסקל | 22 |
| VII. דער טישאָוויצער ראָוו | 26 |
| VIII. דערצײלטע מײַסעס | 30 |
| IX. א ייִנגעלע | 45 |
| X. דער יארצ׳עווער ראָוו | 48 |
| XI. לאשטשאָוו | 56 |
| XII. די ערשטע פרווו | 57 |
| XIII. די צווייטע פרווו | 62 |
| XIV. אינ שויכעטס הויז | 64 |
| XV. די סקולער רעבעצנ | 69 |
| XVI. אסעקורירט | 73 |
| XVII. דער ניסרעפ | 79 |
| XVIII. דער עמיגראנט | 85 |
| XIX. דער מעשוגענער | 87 |
| XX. באנקעטנ | 92 |
| XXI. דער לאמעד־וואָווניק | 94 |
| XXII. דער מאָסער | 99 |


---

הילע און אילױסטראציעס—קינסטלער ה. אינגער.


Редактор *А. Фрумкин.* Художник *Г. Ингер.* Техредактор *Ф. Фрумкина.*

Подписано к печати 11/IX-47 г. Б—03481. Печ. л. $3^1/_4$. Уч.-изд. л. 3,63.
Формат $70\times108^1/_{32}$. Тираж 15.000. Зак. 93. Цена 1 р. 75 к.

Типография Госиздательства „Дер Эмес“. Москва, Старопанский пер., 1.

# רײַזע־בילדער

## I

### פאָרעדע

עס איז געווענ אינ סאָפ פונ די גוטע און אינ אָנהייב פונ די שלעכטע צײַטנ. אפנ הימל האָבנ זיכ געוויזנ שווארצע כמארעס, נאָר עס האָט זיכ געדאכט, אז דער רואכ — דער צײַט־גײַסט, מיינ איכ, — וועט זיי לײַכט פארטרײַבנ. זיי וועלנ ערגעצ אויס־גיסנ זייער הארצ אינ א מידבאָר. אינ אײראָפּעס פײַנ־געהאלטע־נעמ ווײַנגאָרטנ האָט דער ביטערער וואָרצל שוינ געשפּאָלטנ די ערד, ארויסגעשיקט זײַנע שטעכעדיקע, שוינ פארסאמטע

שפּיצלעך. נאָר, אָט, אָט, טראַכט מען, דערזעען עס די גערטנער און רײַסן עס אויס מיטן וואָרצל... עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס נײַנצנטע יאָרהונדערט האָט זיך אױף דער עלטער נאָר א ביסל פאַרקילט, א ביסל היץ געקריגן! עס זאָל זיך פון דעם מאַכן א שווערע קרענק, א שיגאָען, — דאָס האָט זיך קיינער נישט געריכט...

ווי ווײַט איז פון אונדז געוועזן דעמלט אַמעריקע! נישט איין ייִד האָט געקלערט, ווי אַזוי עס שטייט דאָרט א שיסל גריץ, אָדער — צי טראָגט מען דאָרטן די יאַרמעלקעס אױף די פּיס. פון ערעץ-ייִסראָעל-עסרויגים האָט מען אַזוי זעלטן געהערט, ווי פון באַראָן הירש[1] צי פון הנדיב הידוע"[2]...

די אַסטראָנאָמיע באַרעכנט פריִער יעדע ליקע-כאַמע, ליקע-לעוואָנע; די פּסיכאָלאָגיע האַלט נאָך נישט אַזוי ווײַט. דער וועלטס נעשאָמע ווערט ראַפּטום פינצטער, דער גוף קריגט א מין קאָנוווּלסיע — און נישט נאָר זי קאָן עס ניט פאָרויסזען, נאָר אַפילע ווען עס איז שוין געשען, איז זיך שווער צו גלייבן... איז עס נישט צום פאַרשטיין...

אומרויִק דאָך איז מען שוין געוועזן. עס האָבן זיך געשיט פון אַלע זײַטן בילבולים איבער בילבולים.

צווישן אַנדערע זאַכן איז געבליבן, אַז מע דאַרף זיך באַקענען מיטן געוויינלעכן וואָכעדיקן ייִדישן לעבן; זען, וואָס עס טוט זיך אין די קליינע שטעטלעך; אױף וואָס מע האָפט, פון וואָס מע לעבט, וואָס מע טוט... וואָס זאָגט דאָס פאָלק?

---

1 באַראָן הירש (1831—1896) — א באַוווּסטער ייִדישער פילאַנטראָפּ. 2 חאַיִ-גאָדיון האַיעדוּאַ — דער באַוווּסטער פילאַנטראָפּ.

# II

## ביטאָכנ

מײַנ ערשטער אריײַנפאָר איז געווענ טישאָוויץ. איכ האָב מיכ אָפּגעשטעלט בא מײַנעם א באקאנטנ, רעב באָרעכ. ער האָט געשיקט נאָכנ שאמעס אונ עטלעכע באלעבאטים. ווארטנדיק אפ זיי, בינ איכ געשטאנענ באם פענצטער אונ באטראכט דעם מארק.

דער מארק איז א גרויסער פירעק. ארום, אפ אלע פיר זײַטנ, שטייענ פארשווארצטע, אײַנגעבויגענע, געבויטע הײַזער, טייל מיט שטרוי, מערסטנטיילס מיט שינדלענ געדעקט.

סאמע אײנציקע שטאָקנ, מיט ברייטע פּאָדשעניעס[1] אפ פוילע פארגעלטע באלקנ. ארויסגערוקט פונ פּאָדשעניע שטייענ, נישט ווײַט אײנס פונעם אנדערנ, „פשעקופּקעס" איבער מולטערס מיט בייגל, ברויט, ארבעס, באָבעס אונ פארשיידענע אויבס. צווישנ די ווײַבער איז א שטארק גערודער! איכ האָב אפ זיי, זעט אויס, א שטארקנ אײַנדרוק געמאכט.

— האָב דיר א שווארצ יאָר, — שרײַט אײנע, — טײַט נישט מיט די פינגער, ער זעט דאָכ!

— האלט ס'מויל!

די ווײַבער וויסנ שוינ, אז איכ בינ געקומענ פארשרײַבנ; אײנע גיט איבער דער צווייטער דעם סאָד אזוי שטיל, אז איכ הער אינ שטוב.

מע זאָגט: „דאָס איז ער ׳טאקע", „פּאָרט גוט, אז די אָרעמע שאָפ האָבנ פאסטעכער, וואָס האָבנ זיי אינ זינענ"; פונדעסטווענג, „אז יענער פאסטעכ[2] וועט נישט העלפנ, איז — בלאָ-

---

[1] א גאנעק מיט א דעכל. [2] געמיינט: גאָט.

טע!" איינע קאָנ דערווײַל נישט פארשטיין: „יענער פאסטעכ זאָל דארפנ אזוינע שעלוכימ"... דאָס איז א ווונק אפ מײַנ געשוירנ בערדל אונ קורצע קליידער. אנ אנדערע איז ליבעראלער אונ פארופט זיכ אפ א רויפע: „האלעמײַ א רויפע, זאָגט זי, איז אויכ קאָלבוי אונ פונדעסטוועגנ..."

— דאָס איז עפּעס אנדערש, א יאָכיד, אָבער אזוי, וויניק גוטע-יידלנ?..

— זאָלנ זיי בעסער, — מיינט אנ אנדערע, — ארײַנשיקנ א פּאָר הונדערט רובל, איכ בינ זיי מויכל דאָס שרײַבנ, זאָל מײַנ זונ נ י ש ט זײַנ קיינ יענעראל!

. . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . .

זיצנדיק באמ טיש, בינ איכ געווענ א ראה ואינו נראה[1]: פונ גאס האָט מענ מיכ נישט געזענ, נאָר איכ האָב געזענ א האלבנ מארק. דערווײַל האָט מײַנ „באלעבאָס" אָפּגעדאווענט, אָפּגעלייגט טאלעס אונ טפילנ, גענומענ א ביסל בראָנפנ אונ געטרונקענ צו מיר לעכאיִמ.

— לחיים טובים ולשלום![2] — ענטפער איכ.

— גאָט זאָל געבנ בעסערע צײַטנ, עס זאָל זײַנ פארנאָסע.

ווי מעקאנע בינ איכ מײַנ באלעבאָס, אימ פעלט נישט מער נאָר פארנאָסע. ער גיט נאָכ צו מיט גאדלעס:

— אונ עס וועט מ ו ז נ זײַנ פּארנאָסע, עס איז דאָ א גאָט אפ דער וועלט, גוטע-יידנ וועלנ אויכ נישט שווײַגנ...

איכ האק אימ איבער אונ פרעג, פארוואָס אינ זײַנע אייגענע געשעפטנ, כאָטש ער האָט ביטאָכנ, כאָטש ער ווייסט גאנצ גוט,

---

1 א ר ו י ע ו ו ע ײ נ ו י נ י ר ע — דער, וואָס זעט (יענעמ), אונ אימ זעט מענ ניט. 2 ל ע כ א יִ מ ט ו י ו ו י מ א ו ל ש אָ ל ע מ — צו א גוט לעבנ אונ צו פרידנ.

אַז „מאַן דיהיב חיי יהיב מזונא“[1] (דער, וואָס גיט לעבן, דער גיט עסן), פונדעסטוועגן טוט ער זײַנס, און האַנדלט, און שלאָפט ניט גאַנצע נעכט, און קלערט אַלץ: מאָרגן, שפּעטער, אַפּ'ם יאָר... קוים האָט אַ ייִד פּרנסה, קלערט ער שוין אַף פּרנסה־קליידער פאַר אייניקלעך, און אַז עס קומט צום כּלל־ישׂראל, איז דער ביטאָכן שוין אַזוי גרויס, אַז עס איז שוין איבעריק צו טאָן די האַנט אין קאַלט וואַסער אַרײַן.

— עס איז, — מאַכט ער, — גאָר פּאַשעט: כּלל־ישׂראל איז שוין דעם ריבוינע־שעל־אוילעמס זאַך, ער האָט זײַנס אין זין... און, קאַוואַיאָכל, עס זאָל זײַן שיכע פאַר זײַן קיומיי האַקאָוועד[2], איז דאָ אַזוינע, וואָס דערמאָנען... און, ווײַטער דאָס אייגענע... ווי לאַנג קאָן עס געדויערן? עס מוז דאָך אַן עק נעמען! אָדער כּלו חייב אָדער כּלו זכּאי[3]... דאָס איז נישט פּאַרנאָסע!

III

## נאָר גיי!

איך האָב אײַך פאַרגעסן צו דערציילן, אַז דער ראָוו פון שטעטל האָט נישט געוואָלט, נישט קומען צו מיר, נישט מיך אופנעמען בא זיך. ער האָט מיר געשיקט זאָגן, אַז עס איז נישט זײַן זאַך גאָר, אַז ער איז אַ שוואַכער, לוי־אַלייכעם, אויסער דעם זיצט ער שוין אַ פּאָר וואָכן איבער אַ האַרבע שאַלע פון בשׂר בחלב[4], און דער איקער איז, אַז ער איז בערוגעז אַף קאָהאָל,

1 מאַן דעיאָהיוו כמע יאָהיוו מעזוינע. 2 וועגן גאָט זאָל האָבן פאַרגעסן.
3 אָדער קולוי כאַיעוו אָדער קולוי זאַקײַ — אָדער אַלע זײַנען שולדיק, אָדער אַלע זײַנען אומשולדיק; געמיינט — דאַן וועט קומען די אויסלייזונג (מאָשיעך).
4 באָסאָר בעכאָלאָוו — פליישיקס מיט מילכיקס.

ווײַל מע וויל אים נישט מוסיפֿ זײַנ צוויי גילדנ א וואָכ אפֿ דער פֿארנאָסע.

געקומענ איז, אלקיינ, א דרײַ באלעבאטים מיט צוויי שאמאָ-סימ. איכ הייב אָנ בא מײַנ באלעבאָס.

ער האָט נישט קיינ ווײַב, אונ פֿארענטפֿערט זיכ באלד:

— ווי לאנג, מיינט איר, איז זי, אונדז צו לענגערע יאָר, ניפֿטער געוואָרנ?

האקלאל — אנ אלמענ; דרײַ אויסגעגעבענע זינ, איינ אויסגעגעבענע טאָכטער, צוויי יינגלעכ אונ א מיידל אינ דער היימ. דערבײַ, בעט ער זיכ, איכ זאָל פֿארשרײַבנ, אז אלע זינ — אויסער דעמ יינגסטנ, וואָס איז ערשט אלט פֿיר יאָר, אונ ביז ער וועט „שטיינ"[1], וועט נאָכ מאָשיעכ קומענ! — אז די רעשט זינ האָט יעדער זײַנ פֿעלער.

אויסער די עלטערע, צוויי אויסגעגעבענע, זינ, האָב איכ שוינ געקאָנט די גאנצע מישפּאָכע. די אויסגעגעבענע טאָכטער האָט אינ דעמ אייגענעמ הויז א געוועלבל מיט טיטונ, טאבאק, טיי אונ צוקער, ווי אויכ שפּײַז; דאכט זיכ, נאָכ סמאר[2] אונ נאפֿט. איכ האָב באלד אינדערפֿרי בא איר געקויפֿט צוקער. זי איז אלט א יאָר 25. א דאר פּאָנעמ, א לאנגע אונטערגעבויגענע נאָז, וואָס ציילט איר, דאכט זיכ, די פֿוילע שווארצע ציינ אינעמ האלב-אָפֿענעמ מויל, א פּאָר בלאָנע-בלוי-שווארצע געפּלאצטע ליפּנ — דער פֿאָטער אויסנ אויג. די שוועסטער אירע, א מיידל, איז גאנצ ענלעכ צו איר; זי האָט אָבער „קאלע-כיינ". דאָס פּאָנעמ איז פֿרישער, רויטלעכער, די ציינ — ווײַסער, אונ אינגאנצנ נישט אזוי צעיורנ, נישט אזוי אָפּגעלאָזט. אויכ זע איכביידע יינגלעכ, שיינע יינגלעכ; זיי האָבנ געמוזט אינ דער טאמענ

1 געמיי.ט: שטייג צומ פּריזיוו. 2 שמירעכצ צו א וואָגנ.

די אויסגעגעבענע טאָכטער האָט אין דעם אייגענעם הויז א געוויגל..

אַרײַנגעראָטן: רויטע בעקעלעך, כיינעוודיקע, פֿאַרשעמטע אייגעלעך... פֿיל פֿעדערן אין די געדרייטע שוואַרצע לעקלעך... נאָר מוֹיִעסע טנועס: זיי הייבן אַלעמאָל די פּלייצעלעך, פֿאַרקרימען זיך. זיי טראָגן שינעטענע קאַפּאָטקעלעך, ברודיק, נאָר גאַנץ.

די מוטער, אַפּאָנעם, איז נישט לאַנג געשטאָרבן, גענוג צײַט געווען צו פֿאַרברודיקן; ווייניק — צו צערײַסן... הײַנט — ווער האָט צײַט צו זיי? די עלטערע שוועסטער האָט פֿיר קינדער, אַ מאַן אַ לאַמדן און אַ געוועלבל... דאָס „קאַלע-מיידל" פֿירט די שענק; דער פֿאָטער האָט קיין צײַט נישט.

— וואָס איז אײַ ע ר געשעפֿט? — פֿרעג איך אים.

— פּראָצענט...

— ליכּווע?

— ליכּווע?.. עט...

— גלײַך אַזוי? מע האָט ווייניק מיט אונדז צו טאָן...

— ווייסט איר וואָס, — מאַכט ער, — נאַט אײַך אַוועק אַלע מײַנע שמאַטעס — וועקסלען, אַקטן, — אַלץ פֿאַר 25 פּראָצענט. נאָר צאָלט מיר אויס באַר! איך לייג אַוועק נישט נאָר די ליכּווע, אַפֿילע די שענק! איך וואָלט באָ ד ײַ אַוועקגעפֿאָרן קיין ערעץ-יִסראָעל... אַבי געלט! עפּשער ווילט איר, נאַט אײַך אַ כיי-רעם[1]-קוויטל! איר מיינט, אַז מיר האַלטן זיך אין דער ליכּווע... זי האַלט אונדז. מע צאָלט נישט, וואַקסט דער כּיווו. וואָס מער דער כּיווו וואַקסט, ווייניקער ווערט איז ער, מער קאַפּצן ווער איך... אַפּ נעמאָנעס!

פֿאַרן אַרויסגיין ווײַטער פֿאַרשרײַבן האָב איך נאָך בײַגע-ווינט אַ קליינע סצענע. בעשאַס ווען איך האָב צונויפֿגעקליבן מײַנע קיילים, פּאַפּיר, בלײַשטיפֿט, פּאַפּיראָסן, האָט רעב באָרעך

1 אַ פֿאַרפֿלוכטונג.

דערווײַל אָנגעשמירט פאַר די קינדער, אין ביידער אַרײַן מיט-צונעמען, צוויי שטיקלעך ברויט מיט פּוטער, מיט אַ צולאָג אַ שטשיפּיאָרעק[1].

— נאָר גייטס! — מאַכט ער; ער וויל זיי נישט האָבן אין שענק. דער קלענערער יאַסעק איז אָבער נישט צופרידן. ער הייבט אויף די פּליִיצעלעך און פאַרקרימט זיך צום וויינען. ער שעמט זיך אַ ביסל פאַר מיר. וואַרט, איך זאָל אַרויסגיין; ער קאָן זיך אָבער נישט דערוואַרטן און לאָזט אַרויס אַ געוויין:

— נאָך אַ שטשיפּיאָרעק, — וויל ער.

— די מאַמע פלעגט מיר געבן צוויי!

די שוועסטער איז צוגעלאָפן צו דער שאַנק, זי האָט אַרויס-געכאַפּט און געגעבן אים נאָך שטשיפּיאָרעק.

— גיי, — מאַכט זי אויך, נאָר-אַ סאַך ווייכער. אין די ווער-טער האָט דער מוטערס קאָל געקלונגען.

## IV

## וואָס דאַרף אַ ייִדענע?

מיר גייען פון הויז צו הויז, פון נומער איינס אָן. איך וויים אַליין, ווו ייִדן און ווו נישט-ייִדן וווינען. איך קוק נאָר אין פענצטער אַרײַן. פאַרגעלטע פענצטער איז אַ סימען פון „אתה בחרתנו"[2], ביפראַט נאָך אויסגעהאַקטע שויבן, פאַרטרעטענע מיט קישעלעך און זעק... פאַר דאָס — בלומענטעפּ און פאָר-האַנגען זענען סימאָנים-מווהאָקים[3], אַז דאָ וווינט שוין אַזוינער, וואָס האָט נישט אַזאַ פּראַווע אַפן דאַלעס ווי יענע...

---

1 אַ גרינג ציבעלע. 2 אטאָ בעכאַרטאָנו — דו (גאָט) האָסט אונדז אויסדערוויילט. דאָ געברויכט איראָניש: עס איז ניטאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען. 3 קלאָרע סימאָנים.

עס טרעפן זיך אויסנאמען... אָט ווױנט ניש ט א ייִד, נאָר א שטארקער שיקער... און פארקערט, — בלומען און פאָר־העגגלעך, נאָר דאָ לייענט מען שוין די „הצפירה"[1].

דעם ערגסטן אײַנדרוק מאכט אף מיר א גרויס, א הילצערן מעשונע הויז. עס איז גרעסער, נאָר שווארצער און ברודיקער פאר אלע הײַזער. די פאציאט האָט זיך שטארק אריבערגעבויגן און קוקט ארונטער אף זײַנס־גלײַכן — אויך אן אלטע שווארצע כורווע, — אף אן אלטע, אויסגעדארטע, אײַנגעבויגענע, ציטער־דיקע ייִדענע, וואָס דינגט זיך מיט איר קוינע — א צעשויבערטע געלע דינסטמויד — איבער א צולאָג צו'ן א פונט זאלץ.

דער שאמעס ווײַזט מיר אף דער אלטער: דאָס איז „די באַ־לעבאָסטע פון הויז". איך האָב מיך פארווונדערט: די ייִדענע איז צו אָרעם פאר אזא הויז.

— דאָס הויז, — דערקלערט דער שאמעס, — איז אייגנט־לעך נישט אירס. זי האָט נאָר א זעקסטל „דאָזיוואָציע". אן אלמאָנע איז זי... נאָר די יאָרשים, אירע קינדער, ווױנען נישט הי. הייסט זי באלעבאָס.

— וויפל מאכט דאָס הויז?

— גאָרנישט.

— ווערט איז עס?

— א פופצן הונדערט רובל.

— און מאכט גאָרנישט?

— עס שטייט ליידיק.

עס קומען מיר אף די געדאנקען „יענע באָכערים"... מינא־סטאם ווארפט מען דאָ ציגל אָדער קארטאָפל.

— ניין, זאָגט דער שאמעס און שמייכלט, פאראן אזוינע

---

1 האצפיראָ — א העברעישע צײַטונג.

אנדערע צוויי הייזער, וואָס מע וועט מוזן צעליינגן; דאָ איז עפּעס אנדערש: אין דעם הויז, פארשטייט איר, האָט גע־וווינט אמאָל א דאָקטער; איז ער געשטאָרבן און שוין, שטייט ליידיק ס'הויז!

— וואָס איז, אפּ א זאראזשליווע קראנקייט?

— כאס-וועשאָלעם!

— וואָס דען?

— עס האָט פּאָשעט נישט ווער צו וווינען; ווער זאָל וווינען?

— ווי הייסט, ווער?

— טאקע ווער? בא אונדז האָט יעדערער קימאט זיין נאכלע. ווער עס דינגט שוין א דירע, וויל נישט קיין באזונדערע שטוב צו פארהייצן. בא אונדז איז א מאָדע, א קאמאָרניק (לאָקאטאָר[1]) צאָלט עטלעכע רובל א יאָר פאר אן עק שטוב מיט באהייצונג, ווער דארפ אזוינע גרויסע שטיבער?

— נאָכ וואָס האָט מען געשטעלט אזא הויז?

— בא, — אמאָל! הייַנט דארפ מען נישט...

— נעבעכ!

— וואָס פאר א נעבעכ? זי האָט א שטעל מיט זאלץ, פאר־דינט עטלעכע רובל א וואָכ, פון דעם צאָלט זי אָפּ 28 רובל א יאָר פּאָדאטעק פון הויז. פון דעם רעשט לעבט זי... וואָס דארפ א ייִדענע? וואָס פעלט איר? טאכריכים האָט זי שוין...

איכ האָב נאָכאמאָל א קוק געטאָן אפ דער אלטיטשקער, און עס האָט זיכ מיר שוין געדאכט, אז עס פעלט איר בעעמעס גאָר־נישט. איר גערונצלטע הויט האָט מיר אפילע צוגעשמייכלט: וואָס דארפ א ייִדענע?

---

1 א קוואַרטיראַנט.

V

## נומער 42

איך בין געגאנגען פון הויז צו הויז לויט נומער, מיט א צעטל אין דער האנט. פון נומער 41 האָט מיך דאָך דער שאמעס גע־פירט צו 43.

— און 42? — פרעג איך.

— אָט! — ווייזט ער מיר אָפּ א שטיק בורווע אין א שמאָל געסל צווישן איינס און דרייַ און פערציק.

— אייַנגעפאלן?

— אייַנגעלייגט, — ענטפערט דער שאמעס.

— פארוואָס?

— איבער א פייַער־מויער.

איך האָב נישט פארשטאנען, וואָס ער מיינט.

מיר זענען ביידע מיד געווען גייענדיק, און מיר האָבן זיך געזעצט אָפּ א באנק אין פּאָדשעניע. דער שאמעס פארציילט:

— פארשטייט איר, על פּי דיניהם[1], אויב איינס געבוים הויז איז נישט גענוג ווייַט אָפּגעטרעטן פון צווייטן, מוז מען אָפּטיילן די דעכער מיט פייַער־מויערן. ווי ווייַט דער מעהאלעך דארף זייַן, ווייס איך נישט; משפּטים בל ידעום[2], דאכט זיך, מיר ווי דאלעד אמעס. א פייַער־מויער איז בא זיי א סגולע פאר א שרייַ־פע... נו, דאָס הייַזל האָט אָבער געשטעלט א קאפּצן גאָדל, יערו־כעם איוואנכאָווקער, א מעלאמעד, האָט ער נישט געקאָנט מאכן קיין פייַער־מויער.

— זייַנען גאנץ בייען, פראוודע, איז געווען אָן א יעסאָד. דער־

1 אלפּי דיניהעם — לויט זייערע געזעצן. געמיינט: לויט די מעלוכע־געזעצן. 2 מישפּאָטים באל יעדאָום — פון קיין געזעצן ווייסן זיי נישט.

נאָך, ווען איר הערן, איז דערפון געוואָרן א דין-טוירע. בא דער דין-טוירע האָט, אָלעהאָ-האַשאָלעם, זײַן ווײַב מאלקע דערציילט, דברים כהויתן[1], ווי דער סיידער-אוילעם איז, אָנגעהויבן מי-שיישעס-יעמיי-ברײשים. און אזוי אָט אזוי איז געוועזן די מײַסע:

מאלקע האָט מיט איר מענדל נישט גערעדט א יאָר פופצן. זי איז בעטעווע א פארביסענע ייִדענע געוועזן. נישט אויסגערעדט זאָל עס זײַן: א הויכע, א דארע, א שווארצע מיט א שפּיציקע נאָז ווי א האקן. זעלטן, אז עס איז איר ארויס א וואָרט פון מויל, כאָטש פון פארנאָסע — א פּשעקופּקע ! און מע האָט נישט געדארפט! פון אירם א קוק איז אויך שוין קיל געוואָרן אין הארץ. אלע פּשעקופּקעס האָבן געציטערט פאר איר איימאס-מאָוועס; זי האָט שוין אזא'ן אויג געהאט. פארשטייט זיך, אז יערוכעם האָט זיך מעכײַע געוועזן מיט איר שווײַגן; ער פלעגט צו'נ איר אויך קיין וואָרט נישט רעדן. אזוי שטילערהייט, זענען זיי דאָך געבענטשט געוואָרן מיט צוויי באָנים-זכאָרים און דרײַ מיידלעך.

דאָך דער יעיצער-האָרע — א באלעבאָס צו ווערן, האָט זיי ביידע רעדעוודיק געמאכט. דער שמועס איז אזוי געגאנגען:

— מאלקע! — זי ענטפערט נישט.

— מאלקע? — זי שווײַגט. ער מאלקעט, און זי רירט זיך נישט פון אָרט.

יערוכעם שטעלט זיך אָבער אוף און גיט א געשריי:

— מאלקע! איך וויל שטעלן א הויז!

מאלקע האָט שוין נישט אויסגעהאלטן און אופגעהויבן איין אויג און געעפנט דאָס מויל. „איך האָב געמיינט — פארציילט זי — ער איז מעשוגע געוואָרן!“

און א שיגאָען איז עס בעעמעס געוועזן. ער האָט געהאט

---

1 דוואָרים קעהאוייאָסאָן — ווי די מײַסע איז געוועזן.

בעיערושע פון אן עלטערזיידנס דאָס שטיקל פּלאַץ, דאָס שמאָ-לע, וואָס איר האָט געזען, און — קיין פּחות משוה פּרוטה[1] געלט. דעם ווײַבס פּאָר טשוועקעס, וועלכע מע האָט דערנאָכטן פאַרקויפט פאַר דרײַ מאָל ח״י זהובים[2], פלעגן זײַן פאַרזעצט א גאַנץ יאָר; אויסער שאַבעס וועיאָמטעוו, ווען יערוכעם האָט זיי אַרויסגענומען אַף א כיירעם-קוויטל.

אַז דער יעיצער-האָרע נעמט זיך אָבער צו הילף דעם קויעכ-האַדימיען, איז „מי יעמוד"[3]! קוים שטעלט ער אוף א הויז, איז ער פאַרזאָרגט מיט אַלעם גוטן. א באָטועכ וועט ער זײַן, וועט ער זיך באָרגן אַף א ציג און האָבן די מיכ״יע[4] אין דער היים. איינס שטוב וועט ער פאַרדינגען אַף א שענק און, אַז גאָט, באָרוכ-הו[5], וועט העלפן, וועט זי אַליין זײַן שענקערן. און דער איקער— די קינדער פאַרזאָרגט! די יינגלעך וועט ער סײַוויסײַ שיקן אין א יעשיווע אַרײַן, די מיידלעך וועט ער געבן א שטר חצי זכר[6] אַף דער נאַכלע, און — אן עק! איי מיט וואָס מען וועט בויען? אַף דעם האָט ער געהאַט א גרייטן כעזשבן:

— איך בין, — זאָגט ער, — מעלאַמעד, און דו — פשעקופּ-קע, האָבן מיר דאָך צוויי פאַרנאָסעס; פון איין פאַרנאָסע וועלן מיר לעבן און פון דער צווייטער — בויען.

— וואָס רעדסטו, מעשוגע — ענטפערט מאַלקע — מיט ביידע פאַרנאָסעס קומען מיר נישט אויס...

---

1 פּאָכעס מישאָווע פּרוטאָ — וואָס איז ווערט ווייניקער פון א גראָשן. 2 כיי זעהווים — אַכצן גילדן. 3 מי יאַמויד — ווער קאָן בײַשטיין. 4 דערנערונג, פּאַרנאָסע. 5 געבענטשט זאָל ער זײַן. 6 שטאַר כאַצי זאָכאָר — לויטן ייִדישן רעליגיעזן געזעץ באַקומט א טאָכטער ניט קיין יערושע, אויב עס בלײַבן נאָכן געשטאָרבענעם זין. דער פאָטער אָבער האָט רעכט אַרויסצוגעבן דער טאָכטער א „שטאַר" (דאָקומענט) „כאַצי זאָכאָר", לויט וועלכן זי באַקומט א טייל (א העלפט) פון דעם, וואָס עס באַקומט א זון.

— אזוי ווי מע נעמט זיך פֿאַר — זאָגט ער — אזוי העלפֿט גאָט באָרוך-הו. א וועהאָרייע — מאכט ער — אָט זע! נויעך מעלאמעד, אונדזער שאָכנ, האָט א קראנק ווײַב, וואָס פֿארדינט נישט א דרײַער, אונ זעקס קינדערלעך — זאָלנ געזונט אונ שטארק זײַנ — אונ לעבט דאָך פֿונ מעלאמדעס אליינ.

— וואָס רעדסטו, ער איז א גרויסער מעלאמעד, סאמע גוויר-רישע קינדער.

— פֿארוואָס, מיינסטו, איז אזוי? וואָס איז? ער קאָנ בעסער לערנענ פֿאר מיר? אוואדע אונ אוואדע נישט, נאָר אז גאָט באָרוך-הו זעט, אז ער האָט נישט מער ווי איינ פֿארנאָסע, גיט ער אים אינ איר די שעפֿע. אונ, א וועהאָרייע? זע ווײַטער! די שווארצע בראָכע! אנ אלמאָנע, אויך מיט פֿינפֿ קינדער, אונ איז נאָר א פּשעקופּקע אליינ...

— וואָס רעדסטו? פֿאריקט ביסטו? יענע, האלעוואַי אפֿ מיר געזאָגט, האָט א הונ רבֿ[1] שטעקנ אינ אייסעק. אוואדע א רובל דרײַסיק...

— נישט דאָס אָבער איז דער איקער, — גיט ער איר צו פֿארשטיינ. — דער איקער איז, אז איר קאָנ ארײַנקומענ די בראָכע נאָר אינ די עפּל! דער „ריבוינע-שעל-אוילעמ“ פֿירט די וועלט אלפֿי דערעכ-האטעווע.

אויך רעדט ער איר איינ, אז מ'קאָנ אָפּשפּאָרנ פֿונ א סאך זאכנ... מ'קאָנ זיך באגיינ...

אונ עס איז אזוי געבליבנ. יערוכעמ האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿונ טאבאק-שמעקנ, דאָס גאנצע הויזגעזינד — פֿונ זויערמילך ביפֿראט אונ פֿונ וועטשערע ביכלאל, אונ מע האָט געבויט!

געבויט האָט מענ יאָרנלאנג, נאָר אז עס איז געקומענ צו דער

---

[1] הונ רבֿ — א גרויס גוטס.

פײַער-מויער, איז מאלקע געשטאנענ אָנ סכוירע, יערוכעמ האָט שוינ קיינ קויעכ נישט געהאט צו לעבנ, דער עלטסטער זונ האָט זיכ געלאָזט אפ דער מעדינע, דאָס יינגסטע איז געשטאָרבנ, אונ דאָ פעלט נאָכ א מאטמענ — א רובל 40 אפ א פײַער-מויער.

נו, וואָס זאָל מענ טאָנ? מע האָט געמאכט דעמ קויסייוו[1] אינ גמינע אינ דער יאָר אַרײַנ, אונ — אַרײַנגעצויגנ זיכ אָנ א פײַער-מויער!

---

ער האָט זיכ מיט נאכעס אַרײַנגעצויגנ. א נויסימ-מאנ[2] איז ער, האָט אימ די כעוורע געמאכט א כאנוקאס-האבאיִס. מע האָט אויסגעטרונקענ, אָנ גוזמע, אווארע א פאס ביר, אכוץ בראָנפנ אונ ראָזשינקעס-ווײַנ. עס איז געווענ א סימכע, א געדולע.

נאָר די סימכע האָט נישט לאנג געדויערט. עפעס א באלעבאָס האָט זיכ צעקריגט מיט יערוכעמס א שאָכנ, מיט נויעכ מעלאמעד. דער נויעכ מעלאמעד איז אמאָל א גרויסער באלעבאָס געווענ, א גוויר-אָצומ! אכוץ דער נאכלע, בא וועלכער ער איז געבליבנ, האָט ער פארמאָגט שיינע עטלעכע מייעס; דערצו האָט ער געפירט א מיסכער מיט האָניק. שפּעטער, אז עס איז בא אונדז געווענ דאָס מאכלויקעס איבערנ ליטווישנ ראָוו, האָט מענ אימ דעמ זונ געמאסערט (ער דינט אדהאיאָמ מיט א לונגענ-פעלער אינ פאָלק), אונ ער אליינ איז אַרײַנגעפאלנ אינ א פראָצעס פאר אונטערלייגנ דעמ ראָוו. א רעציכע איז טאקע דעמלט געווענ. מיט „אויסזאָגנ" איז מענ שוינ געווינט, אָבער אונטערשפארנ א חויז פונ אלע זײַטנ אונ אונטערצינדנ איז טאקע רעציכעסדיק... צי ער האָט געשטעקט דערינענ צי

---

1 קויסייוו — א שרײַבער. 2 א מיטגליד פונ דער כעווורע, וואָס פארנעמט זיכ מיט אוועקטראָגנ געשטאָרבענע אפנ בעסוילעמ.

גײנ, נאָר דער פּראָצעס אונ דער זונ האָבנ אימ בעדיל־האַראַל געמאַכט, אונ ער איז מעלאַמעד געוואָרנ. אַלס פריש־געבאַקענער מעלאַמעד האָט ער ווייניק דערעב־ערעצ געהאַט פאַר באַלע־באַטימ, האָט זיכ איינער באַליידיקט, אַרויסגענומענ זײַנ בענ אונ אַרײַנגעגעבנ צו יערוכעמענ אינ כײדער.

נויעכנ האָט די מײַסע פאַרדראָסנ, א „כעוורעמאַנ" איז ער פונ לאַנג, אינ פּאָוויאַט[1] פלעגט ער אָפּליגנ טעג אונ נעכט. א מויל מיט א פּענ האָט ער. נו — איז די מײַסע מיט דער פּײַער־מויער אַרויסגעשווומענ, אונ עס איז אַראָפּגעקומענ דער סטאַרשי סטראַזשניק.

נאָר דערוויַיל האָט נויעכ כאַראָטע געהאַט! ער אַלײנ האָט זיכ געמיט! מע האָט אָנגעהאַנגענ אָנ דער דיעלע א מאַטבייע, איז זי צוריק פאַרזונקענ געוואָרנ.

עס וואָלט שוינ ווײַטער גוט געוועזנ, מאַכט זיכ אָבער א מײַסע מיט תכלת[2]. אַז יערוכעמ איז א ראָדזשינער אונ טוט אָנ בלויע ציצעס, איז נויעכ א פאַרברענטער בעלזער אונ שרײַט גוואַלד! א וואָרט צו'נ א וואָרט, די פּײַער־מויער איז ווײַטער אַרויס, עס איז שוינ א דיעלע אינ סאָנד.

מע האָט געלאָזט א „וויראָק זאָאָטשני"[3], דער סאָנד האָט געפּאַסקעט, אַז יערוכעמ זאָל בעמעשעכ א כוידעש מאַכנ א פּײַער־מויער, אונ אויב ניש̇ט — זאָל מענ אימ צעלײגנ דאָס הײַזל.

קײנ דרײַער איז נישט געוועזנ. אַצינד האָט שוינ נויעכ קײנ כאַראָטע נישט געהאַט (דאָס מאַכלויקעס האָט ערשט רעכט

1 אַדמיניסטראַטיווער באַצירק, אַנ אויעזד. 2 טכײלעס — דאָ: בלויע וואָלענע פּעדעמ, וואָס אײניקע פרומע יידנ פלעגנ באַנוצנ אַפּ ציצעס. 3 אַנ אורטײל אונטער די אויגנ.



2*

געברענט) און האָט נישט געוואָלט ענטפערן א גוט וואָרט. יערוכעם האָט אים גערופן צום ראָוו, נויעך האָט אויסגעפּאטשט דעם שאמעס.

אז מאלקע האָט געזען, אז עס איז כלה כל הקיצין[1], האָט זי אָנגעכאפּט נויעכן אינמיטן גאס באַם פּאָדקאָלנער און געשלעפּט ווי א הוירעג אריַין צום ראָוו. עס איז אפילע געוועזן א פולער מארק מיט בעלזער, נאָר ווער וועט צוגיין צו'ן א ייִדענע?.. „גבֿרא דנשי קטלוהו לית דין ולית דין[2]. נויעכס ווייַב איז נאָכגעגאנגען און געשאָלטן מיט טויטע קלאָלעס, צוגיין האָט זי מוירע!.. באַם ראָוו האָט מאלקע פארציילט די מייַסע מהחל ועד כלה[3]; זי פארלאנגט, אז נויעך זאָל מאכן אָדער עס זאָל זיַין א פייַער־מויעד, אָדער די דיעלע זאָל ווייַטער איַינגעזונקען ווערן!..

אונדזער רעוול האָט געוווּסט, אז וועמען ער וועט דאָ צופּאסקענען, וועט דער צווייטער צאַד כסידים נעמען זיך צו אים. האָט ער זיך אויסגעדרייט ווי א ייִד א לאמדן. ער קאָן נישט פּאסקענען... גרמא בנזיקין[4]... בע... מע... קיין פּשאָרע קאָן נישט זיַין, און האָט אָפּגעשיקט די צדאָדים צו די ראבייִם.

נו, „התובע הולך אחרי הנתבע"[5] נויעך איז באשטאנען, יערוכעם — פאר איין ברייִרע; און אזוי האָבן זיך ביידע אראָפּגעכאפּט קיין בעלז.

1 קאָלו קאָל האַקיצין — עס איז שוין דערגאנגען צו דער ערגסטער לאגע. 2 גאַוורע דענאַשיי קטאָלוהו לעס דין וועלעס דאיאָן — ווען א מאנספארשוין האָבן ווייַבער געהארגעט, איז ניטאָ דערויף קיין געריכט און קיין ריכטער. 3 מעהאָכייל וועאד קאָלאָ — פון אָנהייב ביזן סאָף. 4 געראָמאָ בעניזיקין — א סיבע פון שאָדן. 5 האַטויווייא הויליכ אכריי האַניטוואָ — דער מאָנער גייט נאָך דעם, בא וועמען ער מאָנט.

נויעכס ווײַב איז נאָכגעגאנגענ אונ געשאָלטנ מיט טויטע קלאָלעס...

איידער יערוכעמ איז אוועקגעפאָרנ, האָט ער איבערגעלאָזט זײַנס א שוואָגער א דאָווערענאָסט מיט עטלעכע רובל, וואָס ער האָט צוזאמענגעבאָרגט (אונ געבאָרגט האָט מענ אימ פאר ראב-מאָנעס), ער זאָל מאכנ דערווײַל אנ אָפּאָזיציע.

עס איז אָבער אלצ געגאנגענ שלימ-שלימאזל. דער שוואָגער האָט די פּאָר רובל אופגעגעסנ, צי, ווי ער זאָגט, פארלוירנ... מאלקע איז פאר גרויס צאָרעס קראנק געוואָרנ... באמ רעבנ האָט אפילע יערוכעמ געווּנענ א „פײַער-מויער" מיט „הויצאָעס". נאָר צוריקצווּועגס האָט מענ בײַדע, נויעכנ מיט יערוכעמענ, געכאפּט אפּ דער גרענעצ אונ אהיימ געפירט מיטנ עטאפּ.

אז מע האָט יערוכעמענ געברענגט, איז שוינ מאלקע געווענ אפּנ אוילעמ-עמועס, אונ דאָס הײַזל — צעוואָרפנ.

## VI

## דער מאסקל

אונ מיינט נישט, אז אינ טישאָוויצ עקט זיכ די וועלט! עס איז דאָ א מאסקל אויכ. אונ אנ עמעסער מאסקל, א פארצײַטי-שער, א מענטש אינ די מיטעלע יאָרנ, נישט שטודירט, נישט געלעזנ, אָנ ביכער, אָנ צײַטונגענ אפילע, מיט איינ וואָרט א מאסקל פונ דער לופט.

ער גאָלט נישט די באָרד; אינ טישאָוויצ איז מענ יויצע מיט אונטערשערנ, נאָר מע זאָגט, אז „ער איז מסלסל בשערו[1] אפילע אסערעס-יעמיי-טשוּווע!" דײַטש גייט ער אויכ נישט, דער פעלד-שער אינ טישאָוויצ גייט אויכ נישט דײַטש, איז אויכ א ייִד אינ א לאנגע קאפּאָטע מיט פּייעס!

1 מעסאלסל בעסאערוי — ער קרײַזלט, ער פוצט די האָר.

אונדזער מאסקל איז יויצע מיט שטיוול־פוצנ, אונ א שווארצ סטענגעלע אפנ האלדז. ער האָט שיריַימ פונ פייעס, פאר דאָס טראָגט ער א קאנטיק קאשקעטל. „פראָסטע“ (זאָגט מענ) וישמן ישורן ויבעט[1]; „עס גייט אימ זייער שוויל, א שארפ געוועלב; איננאנצנ, אימשטיינס־געזאָגט, דריַי קינדערלעכ, וואָס פעלט אימ? איז ער א מאסקל!“

מיט וואָס איז ער א מאסקל, איז שווער געווענ געוואָר צו ווערנ. עס איז גענוג, אז מע ווייסט, אז ער איז א מאסקל; די גאנצע שטאָט זאָגט, אז ער איז א מאסקל, ער אליינ איז אויכ מוידע, דער איקער זענענ זיַינע „ווערטלעכ“, ער רעדט „על השם ועל משיחו“[2].

לויט איכ בינ דערנאָכ געוואָר געוואָרנ, האָט דער מאסקל מיכ אויכ פאר א מאסקל גערעכנט אונ זיכער געווענ, אז איכ וועל בא אימ איַינשטיינ, אלקאָלפאָנעמ בא אימ „שריַיבנ“ צומ ערשטנ.

— צו'נ אזא זאכ, — האָט ער געזאָגט, — דארפ מענ האָבנ מענטשנ מיט קעפ. מיט איַיכ, פערד, וועט ער עפעס מאכנ?

אונ אז דער בארג איז נישט געקומענ צו מאכמעדנ, וויַיל ער האָט פּאָשעט נישט געוווּסט פונ אימ, איז מאכמעד געגאנגענ צומ בארג.

געטראָפנ האָט ער מיכ בא אנ אלמאָנע אינ שטוב. אריַינגע־פאלנ איז ער מיטנ ראָשעס שיַילע פונ דער האגאָדע — מיטנ: מה העבודה הזאת לכם[3]?

---

1 וואיִשמאנ יעשורונ וואיִוואָט — אז די ייִדנ זיַינענ פעט געוואָרנ, האָבנ זיי אָנגעהויבנ בריקענ זיכ. געמיינט: אז עס איז זיי גוט געוואָרנ, האָבנ זיי אויפגעהערט פאָלגנ גאָט. 2 אל האשעמ וועאל מעשיכוי — אפ גאָט אונ אפ זיַינ געזאלבטנ. געמיינט: ריידנ אפנ סאמע הייליקסטנ. 3 מאָ האָאוווירא האזויס לאָכעמ — וואָס איז דאָס בא איַיכ פאר א טועכצ.

— מאָי פאניע! וואָס מאכט איר עפּעס דאָ?

— ווו דאָ? — פרעג איכ.

— איר מיינט, אפּאָנעמ, גאָר, אז איכ בינ פונ אונטערנ אויוונ! אז מע וווינט אינ טישאָוויצ, איז מענ שוינ קיינ מענטש נישט, ווייסט מענ שוינ נישט, וואָס אפ דער וועלט טוט זיכ? איר ווייסט: „עם לבן גרתי“[1] איכ וווינ טאקע דאָ, נאָר א נאָז האָב איכ!

— אונ אז איר האָט א נאָז אונ ווייסט, וואָס אפ דער וועלט טוט זיכ, נאָכ וואָס פרעגט איר?

דער שאמעס האָט אופגעשפּיצט די אויערנ. דאָס אייגענע האָבנ געטאָנ די עטלעכע ליידיקגייערס, וואָס זענענ מיר נאָכגעגאנגענע טריט בא טריט. אפ זייער פּאָנעמ איז אויסגעגאָסנ א ווילדע האנאָע, אפּנ שטערנ — דער פּאָסעק: „יקומו נא הנערים[2]... לאָמיר זענ, ווי צוויי מאסקילימ באָדיענ זיכ!“

— וואָס טויג מיר דאָרט, — מאכט דער מאסקל גערייצט, — כוויזעק-שמויזעק! מײַנ צונג איז אויכ נישט קיינ פּאָדעשווע! אונ פאר וועמענ האָב איכ מיכ דאָ צוצופּירנ, פאר טישאָוויצער כאַמוירימ? זעט נאָר די בידליאקעס!

איכ בינ אינ א פארלעגנהײַט. אָנעמענ פאר טישאָוויצ קאָנ איכ מיכ נישט, ווײַל די טישאָוויצער באלעבאטימ, אינ פּענצטער אונ אינ טיר, האָבנ גאנצ אָנגענעמ געשמייכלט.

— נאָר, זאָגט מיר, וואָס איז דאָס אזוינס? דאָס פארשרײַבנ!

— סטאטיסטיק!

— סטאטיסטיק-שמיסטיק! מיר האָבנ שוינ געהערט אזוינס! נאָר נאָכ וואָס טויג עס?

---

1 אימ לאָוואָנ גארטי — מיט לאָוואַנענ האָב איכ געוווינט, געמיינט: איכ האָב דערפארונג; איכ בינ א געניטער. 2 יאָקומו נאָ האנעאָרימ — זאָלנ אופשטיינ די יינגלעכ.

איך האָב געזאָגט, נישט אים, אייגנטלעך, נאָר טישאָוויצער קאָהאָל; זאָלן זיי האָבן א באגריף פון דער סטאטיסטיק.

— הא! הא! הא! — צעלאכט זיך געדיכט און גראָב דער מאסקל, — דאָס וועט איר איינרעדן טישאָוויצער באמוירים, נישט מיר! פארוואָס פארשרייבט איר, ווי מע וווינט: מיט א פּאָדלאָגע, אָן א פּאָדלאָגע? וואָס גייט אייך אָן, אז איינער וווינט אָן א פּאָדלאָגע? הא?

עס גייט אין דעם, פארצייל איך אים, אז מע וויל אויסווייזן, ווי אָרעם ייִדן זענען; מע מיינט...

— מע מיינט גאָרנישט, — האקט ער מיך איבער, — נאָר — זאָל זיין אזוי! וואָס דארף מען אָבער וויסן אקוראט, וויפל יונגלעך און וויפל מיידלעך? און — ווי אלט יעדעס איז? און אלע קרענק, וואָס איר פארשרייבט!

— מע איז אונדז כוישעד, אז מיר דינען נישט אין מיליטער; די ביכער, ווייסט איר אוואדע, זענען נישט ריכטיק, ווילן מיר אויסווייזן...

— נו, אויך רעכט, לעמאָשל... איך בין אייך דערווייל מוידע... אָבער — פּאטענטן? נאָך וואָס פארשרייבט איר, ווער עס האָט? און פאר וויפל?

— אויסצווווייזן, אז ייִדן — .

דער מאסקל לאָזט מיך אָבער נישט ענדיקן.

— איר דערציילט מיר נישט קיין באָבע-מייסעס; דערווייל וועט מען געוואָר ווערן, אז איינער און דער צווייטער האָט א קלענערן פּאטענט, וועט מען אים שטעלן א כופע!

קוים ער האָט עס ארויסגעזאָגט, איז ראפּטאָם דער אוילעם פון פענצטער נעלעם געוואָרן. דער שאמעס פון מיר האָט זיך אָפּגעטראָגן, און דער מאסקל, וואָס האָט גאָרנישט אזוי שלעכט געמיינט, איז געבליבן ווי פארשטיינערט.

דער אוילעם האָט מוירע געקריגן. אין א פּאָר שאָ ארום האָט שוין גאנץ טישאָוויץ מיט מיר געקלונגען. מען האָט מיך שוין כווישעד געווען, אז איך בין א געשיקטער פון דער אקציז. א קאשע אפ א מייסע, די אקציז ווייסט, אז א ייִד ווערט בעסער געוואָר ווערן אלע סוידעס!

איך האָב מיך ארומגעדרייט אין מארק שוין איינער אליין, דאָס שטעטל האלט זיך פון מיר פונוויטן. איין מאסקל איז מיר נאָכגעגאנגען טריט בא טריט. ער האָט געוואָלט מיט מיר רעדן. נאָר ער איז מיר שרעקלעך נימעס געוואָרן. איך האָב אפּ זיין פּארצעף נישט געקאָנט קוקן.

און די פּענעמער אין גאס ווערן ערנסטער און פינצטערער, איך הייב שוין אָן קלערן וועגן פליטע מאכן. מע קוקט אפ מיר צופיל פון דער זייט, מע סוידעט זיך צופיל!

עס איז מיר איינגעפאלן צו מאכן נאָך די לעצטע פרווו. איך האָב מיך דערמאָנט, אז דער היינטיקער טישאָוויצער ראָוו איז אמאָל בא אונדז דאיען געווען, ער וועט מיך דערקענען, אלקאָל-פּאָנעם איידעס זאָגן, אז איך בין נישט דאָס, וואָס מע מיינט!

— ווּ וווינט דער ראָוו? — פרעג איך דעם מאסקל.

ער דערפרייט זיך און ענטפערט:

— קומט, איך וועל אייך פירן!

## VII

## דער טישאָוויצער ראָוו

ווער עס האָט נישט דעם טישאָוויצער ראָווס שלאָפראָק גע-זען, וועט קיינמאָל נישט וויסן די סיבע, פארוואָס די רעבעצן, זיין דריט ווייב, א ייִדענע קוים אין די מיטעלע יאָרן, טראָגט

שוינ א פאָר גרויסע ברילנ אפ דער נאָז. דער שלאָפראָק זעט אויס ווי פונ איינציקע פעדעמ געלאטעט.

— נאָכ 2 גילדנ א וואָכ, — באַקלאָגט זיכ דער ראָװ, — ווענ די שטאָט גיט מיר, וואָלט איכ געקאָנט שוינ דורכקומענ; אזוי איז גאָר ביטער! נאָר איכ וועל מײַנס אויספירנ... אָנ א דינ=טוירע קאָנענ זיי זיכ נאָכ באַגיינ. אפ דעמ האָבנ זיי גוטע=יִדנ אונ... סאַנדערס[1]; „טעפל—לעפל“ פאסקנט א ליאדע מעלאַמעד. שײַלעס=נאָשימ[2] — עס איז דאָכ נאריש, דאָס קאָנ מענ נישט מאכמיצ זײַנ[3]! אָבער אויספירנ וועל איכ. איכ ווארט נאָר אפ דער קאלפי[4]! אָנ א ראָװ וועלנ זיי קיינ קאלפי נישט מאכנ! לאָמיכ זענ א שטאָט, קיינ אײַנהאָרע, אנ עיר ואמ בישראל[5], אָנ גאבאָימ! אונ, ווען דאָס אויכ נישט העלפנ, וועל איכ נישט פרווונ די באלאָפימ... איכ האָב זיי גוט אינ דער האנט!

עס איז שווער געווענ דעמ ראָװ ארויפצופירנ פונ זײַנע אייגענע צאָרעס. דאָכ, אז דער מאסקל האָט אימ צוגעזאָגט, זיכ צו ס ט א ר ע נ פאר אימ בא קאָהאָל צו פועלנ די הויסאָפע, — האָט ער אונדז געבעטנ זיצנ אונ אויסגעהערט, אינ וואָס עס גייט.

— נארישקײַטנ! — מאכט ער, — איכ קענ דיכ! זאָג זיי, די שוטימ, אז איכ קענ דיכ.

— זיי אנטלויפנ פונ מיר!

— עט, אנטלויפנ! וואָס הייסט אנטלויפנ? ווער אנטלויפנ? נאָכ וואָס? נאָר מיילע, אז דו זאָגסט: אנטלויפנ! וועל איכ אליינ מיט דיר ארויפגיינ.

— אינ וואָס ועסטו גיינ? — רופט זיכ אָפ א ווײַבעריש קאָל פונ הינטערנ אויווג.

1 געריכטנ. 2 רעליגיעזע פראגנ, וואָס האָבנ א שײַכעס צומ געשלעכטלעבנ פונ דער פרוי. 3 אײַנזײַערנ. דאָ: פארהאלטנ. 4 געמיינט: וואלנ. 5 א י ר וואָ ײמ ב ע י ס ר אָ ע ל — א גרויסע יִדישע שטאָט.

— גיב מאקע אהער די קאפּאָטע! — ענטפערט דער ראָוו.

— געבנ? איך האָב זי ערשט צעטרענט!

— מיילע, — מאכט דער ראָוו, — אויב נישט קיין אומגליק, כאס־ווערשאָלעם! וועלנ מיר מאָרגנ גיינ.

איך גיב אים צו פארשטיינ, אז עס איז ערשט מיטיק־צייט, אז עס איז מיר א שאָד דער טאָג.

— נו, וואָס זשע זאָל איך טאָנ? — פרעגט דער ראָוו און פארלייגט די הענט, — פונקט האָט די רעבעצנ זיך גענומענ צו מיינ קאפּטאנ...

— רופט זיי ארופ אהער!

— רופנ איז א קלייניקייט, אויך אנ אייסעק! נאָר ווער וועט קומענ? מע וועט מיך הערנ ווי דעם ראָוו! עפשער בעסער אראָפּ־גיינ אינ שלאָפראָק?

— עס פּאסט נישט, רעבע. — רופט זיך אָנ דער מאסקל, — דער סטראזשניק גייט ארום אינ גאס!

— פונ מיינעטוועגנ, — זאָגט דער ראָוו, — איך וואָלט גע־גאנגענ; זאָגט איר: ניינ, איז ניינ.

עס בלייבט דערביי, מיר זאָלנ אלע דריי ארופרופנ דעם אוי־לעם פונ גאס דורכנ פענצטער. מיטנ פענצטער עפענענ איז אָבער נישט לייכט צוגעגאנגענ, מע האָט עס שוינ א יאָר פופצנ נישט געעפנט. די שויבנ זענענ דורכגעברענט פונ דער זונ, דער קיט איז אויסגעדארט, און די שויבנ ציטערנ בא יעדנ טריט איבער דער פּאָדלאָגע. די קוואטירנ זענענ געלעכערט פונ האָלצ־ווערעמ, צוגעקלעפּט נאָר מיטנ ראָסט (זשאווער) צו דער וואנט, עס איז נאָך א סאָפעק, אויב זיי האָבנ זאוויאסעס.

עס איז אונדז דאָך געראָטנ, מיר האָבנ איינ זייט געעפנט, דערנאָך די צווייטע און אָנ א שאָדנ. דער ראָוו האָט זיך אנידער־

געשטעלט אין דער מיט, איך און דער מאסקל פון ביידע זייטן, און מיר אלע דריי רופן.

דער מארק איז פול מיט מענטשן. אין א פאָר מינוט ארום איז שוין געווען אן אוילעם אין שטוב.

— ראבויסים, — מאכט צו זיי דער ראָוו, — איך קען דעם מ ע נ ט ש...

— מע וועט נישט שרייבן! — האָבן זיך אָנגערופן עטלעכע קולעס צוזאמען.

דער ראָוו פארלירט באלד דעם קוראזש.

— נישט — נישט! — מאכט ער שטיל. דער מאסקל איז אָבער דערוויַיל ארופ אפן טיש און רופט:

— כאמוירים! מע מוז שרייבן! דער טויוואס-האקלאל פאר־לאנגט עס!

„לעטויוואס-האקלאל, לייגט ער, אז ער האָט מיט מיר „אי־בערגערעדט שוין דאָס גאנצע פּשעטל". אז עס איז נישט, ווי ער האָט „קאטאָוועס געטריבן", אז איך האָב אים אפילע געוויזן בריוו פון ראבאָנים!

— פון וועלכע ראבאָנים? — רופט מען פון אלע זייטן.

— פון פאריזער ראָוו, — האָט דער מאסקל ווייטער גע־שפּונען אפן הויכן קאָל, — פון פאריזער ראָוו — (קיין אנדערער פאסט אים נישט), פון לאָנדאָנער...

— יידן, אהיים! — האָט אים עמעצ איבערגעהאקט, — נישט אונדזערע לייט!

און דער אוילעם האָט זיך אָנגעהויבן ארויסצושיטן אזוי גע־שווינד, ווי ער איז אָנגעקומען. געבליבן זענען מיר דריי און — דער שאמעס, וואָס האָט זיך צוגערוקט צו מיר.

— שענקט מיר עפּעס, — מאכט ער, — פארן טאָג.

איך האָב אים געגעבן עטלעכע צענערלעך. ער האָט נישט

איבערגעציילט, אריינגעוואָרפן אין קעשענע, און, נישט געזעגנט זיך, אוועקגעגאנגען.

— וואָס זאָגט א י ר, רעבע? — פרעג איך דעם ראָוו.

— איך וויים? איך האָב שטארק־שטארק מוירע — עס זאָל מיר נישט שאטן...

— אייך?

— וועמען דען? דיר? זעסטו אן אייסעק! ווע‌סטו נ י ש ט מאכן די סטאטיסטיק, וועט מען זיך באגיין אָן איר... כי הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל[1]!.. איך מיין די שני זהובים[2] א וואָך!

די רעבעצן מיט די גרויסע ברילן איז דערוויַיל אפיר פון הינטערן אויוון:

— איך האָב דיר לאנג געזאָגט, — מאכט זי, — דו זאָלסט זיך נישט אריינמישן אין קאָהאָלשע זאכן, נאָר דו פאָלגסט דען מיך? ווי קומט א ז ו י נ ס צו'ן א ראָוו, דיין דייגע — קאָהאָל?

— נו, שטיל שוין, רעבעצן, שטילער, — ענטפערט ער איר ווייך, — זעסט דאָך, איך בין שוין אזוי, איך האָב א ו ו י י ך הארץ, עס באַרירט מיך — נאָר א שאָד די צוויי גילדן א וואָך!

## VIII

## דערציילטע מײַסעס

„אבל וחפוי ראש"[3] בין איך אראָפגעגאנגען פון ראָוו מיטן מאסקל צוזאמען אין גאס אריין. מיר טרעפן דאָך דעם שאמעס

1 קי הינע לוי יאָנום וועלוי יִשאָן שוימייר יִיסראָעל — וואָרעם ער דרעמלט ניט און שלאָפט ניט, דער היטער פון ייִסראָעל (גאָט). 2 שניי זעהוווים — צוויי גילדן. 3 אָווייל וואכאפוי רויש — טרויעריק און מיט צוגעדעקטן קאָפ (פאר ביזאָיען).

אפֿן וועג און דער פֿאַרזיכערט, אַז ווי אים זעט אויס, וועט מען קאָנען מאָרגן ווײַטער שרײַבן.

דעם גאַנצן „טאַראַראַם" האָבן אָנגעמאַכט צוויי אָפּגעקומענע באַלעבאַטים, וואָס זענען הײַנט, פֿאַר גרויס דאַכקעס נעבעך: איינער א טרייפֿענער שענקער און דער צווייטער א פּ ע ר ד ס־ ה ע נ ד ל ע ר...

דער מאַסקל, פֿון זײַן זײַט, זאָגט מיר צו צווישן מינכע־אומײַרעוו איבערצושמועסן „דאָס פּשעטל" מיטן אוילעם. און — „הייסט זײַן נאָמען נישט שמערל" (אַזאַ נאָמען האָט אַ מאַסקל אין טישאָוויץ!), אויב ער וועט נישט „איבערקערן דאָס שטעטל".

— זיי מעגן זיך — זאָגט ער — אַפֿ די קעפּ שטעלן, און שרײַבן מוז מען! הפה שאסר הפה שהתיר[1]!

גוט כאָטש, דער מאַסקל האָט אין א ביידער געלערנט; אַפֿ דער גרויסער וועלט טרעפֿן זיך נאָך אַנדערע מאַסקילים.

איך גיי צוריק אַפֿ דער סטאַנציע; דער שאַמעס גייט מיט. בא מײַן באַלעבאָס, דעם אַלמען, איז נאָך א מיניען געוועזן. צווישן מינכע־אומײַרעוו האָט מען אָנגעהויבן רעדן פֿון פּאָליטיק. נאָך מײַרעוו איז מען אַראָפּ אַפֿ ייִדן! דאָס ראָוו איז שרעקלעך אָפּטימיסטיש, ערשטנס, מיינט מען נישט זיי, צווייטנס, וועט מען זיך מיט „יענקלען" נישט קיין אייצע געבן; סייכל האָט ע ר! דריטנס, גייט עס ווי א רעדל, א ביסל אַרויף, א ביסל אַראָפּ. פֿערטנס — וועט גאָט העלפֿן, פֿינפֿטנס, וועלן גוטע ייִדן נישט דערלאָזן.

דאָס אַלטע לידל!

---

[1] האפה שעאסר תאפע שעהיטיר — דאָס מויל, וואָס פֿאַרווערט — דאָס מויל דערלויבט.

— גלייבט מיר, — שפּרינגט אַרויס איינער מיט פּליִעני־דיקע קליינע אייגעלעך אונטער אַ קורצן שטערן, — גלייבט מיר, אַז ווען עס זאָל זײַן אַכדעס צווישן אַלע גוטע־ייִדן, זיי זאָלן זיך האַלטן איינס, טאַקע יאַד־אַכאַס און אופהערן צו זאָגן טאַכנון[1], וואָלט מאָשיִעך געמוזט קומען.

— דער קאַזיניצער, זיכרוינוי ליוורַאָכאָ[2], האָט דאָך אופגע־הערט, — פרעגט איינער.

— איין־שוואַלב, — ענטפערט דער יונגערמאַן, — מאַכט קיין זומער נישט. ווער שמועסט, זיי זאָלן אַרויסגעבן אַן איסור[3] אַף קלאַל־ייִסראָעל!

אַמאָל מוז מען זיך אָקעגנשטעלן! אײַנשפּאַרן זיך!

— ווען זיי גיבן אַרויס אַן איסור, — שפּעט עמעצ און וואַרפט אַף מיר אַן אויג, — וואָלטן די אַפּיקאָרסים אָנגעהויבן באָדײַ־דאַוונען אַבי צו זאָגן טאַכנון! אַבי מאָשיִעך זאָל נישט קומען!

דער עוילעם שמייכלט.

— וואָס קומט אָבער אַרויס, — מיינט אַן אַנדערער, — אַז די גרויסע האַלטן זיך נישט צוזאַמען...

דער עוילעם האָט אָפּגעקרעכצט.

געוויס האָט זיך יעדערער דערמאָנט, וויפל פּעטש ער האָט שוין געקריגן, וויפל צאָרעס ער האָט שוין געהאַט דורך דעם נישט באַנאַנד האַלטן. און דער בעסטער סימען, אַז טישאָוויץ האָט שטאַרק געליטן פון מאַכלויקעס איז דאָס, וואָס פון דעם רעדן איז שוין נישט אַרויסגעקומען קיין וויקועך וועגן דעם, ווער עס איז שולדיק, פאַרוואָס עס איז קיין שאָלעם נישטאָ צווישן די גרויסע. מע האָט מוירע פאַר אַ נײַ מאַכלויקעס.

איך האָב מיך אָנגערופן, אַז אינעם מאַכלויקעס איז מער

---

1 אַ טפילע. 2 זײַן אָנדענק זאָל זײַן געבענטשט. 3 פאַרבאָט.

שולדיק דער דאלעס. עס איז נישטאָ מיט וואָס צו האנדלען, מע גייט ליידיק, זוכט מען זיך געשעפטן, זוכט מען נאָך אווייערעס, פירט מען וויקוכים, א וועהאָרייע: אין גרעסערע שטעט, ווו יעדערער איז פארנומען מיט זיינע געשעפטן, איז שטיל.

— עס זאָל עמעצ, — מיין איך, — אריינוואַרפן אין טישאָוויצ א פּאָר טויזנט רובל, וואָלט מען פארגעסן אָן די אלע זאכן.

— א גרויסע זאך אשירעס, — רופט זיך אָן איינער, — איך זאָל געוועזן האָבן אָט אזוי גרויס, א נאָגל סייכל, — וואָלט איך היינט גאנצ טישאָוויצ אריינגעשטעקט אין בוזעם... עס האָט זיך אין איינ האָר געווענדט: איך האָב נאָר געדארפט וועלן.

— עמעס, עמעס! — האָט מען מייזד געוועזן[1] אין אלע זייטן, — עמעס, א מייסע-שעהאָיאָ.

— מיילע, המפורסם אין צריך ראיה[2].

דער ייִד, וואָס עס האָט אים נאָר געפעלט „א נאָגל סייכל“ אָדער א פּיצעלע ראָצן ניסאָשער צו ווערן, האָט אויסגעזען ווי דער דאלעס אליין: דאר, געלב, צוזאמענגעצויגן, אויסגעווייינט און אין א קאפּאָטע, וואָס האָט נאָר אין טישאָוויצער ראָווס שלאָפראָק איר גלייכן געהאט.

אפ דעם איז אָנגעקומען דער מאסקל.

— נאטירלעך! — האָט ער זיך צעלאכט.

— ר׳ עלי, — לאכט ער, — איר האָט אווארע דאָס גרויסע געווינס א שאָ פארן צייען פארקויפט.

— זע נאָר זיין לעצאָנעס, — מאכט דער רעב עלי, — גלייב ער געדענקט נישט די מייסע.

— אזוי לאנג קרענקט מיר נישט מיין קאָפ, — שווערט דער

---

1 איידעס געזאָגט; באשטעטיקט. 2 האמעפורסאָם איין צאָריך ראַיע — דאָס, וואָס איז באוווסט, פאָדערט ניט קיין באווייז.

מאסקל, — ווי לאנג איך האָב שוין פארגעסן, אויב איך האָב אמאָל געהערט די ליגן —

— ליגן? — באליידיקט זיך רעב עלי, — גלאט אזוי ליגן?! נאָך אײַך נאָך איז עפּעס אנדערש אויך ליגן!

איך מיש מיך אַרײַן און פרעג, וואָס די מײַסע איז געווען.

— פון וואָרקער צאדיק, זיכרוינו ליוורעכאָ, האָט איר דאָך אוואדע געהערט? — הייבט רעב עלי אָן.

— אוואדע!

— מינאסטאמ! פון אים האָט קינד־און־קייט געוווּסט! איר ווייסט, אז צו אים פלעגן פאָרן נישט נאָר חסידי אומות העולם[1], נאָר אפילע דײַטשלעך אויך; אפילע ליטוואקעס, די ציילעמ־קעפּ, אויך! אזוי גרויס גאָלד זאָל איך האָבן, ווי גרויס ליטוואַ־קעס איך האָב דאָרטן געזען, עס איז אפילע א מײַסע געווען מיט א טויספעסל[2], א ליטוואק מוז דאָך אומעטום ווײַזן זײַן כאריפעס, פרעגט ער ד אָ ר ט א טויספעס אין נעדאָרים[3], דער רעבע, זיכרוינו ליוורעכאָ, האָט אים אומישנע פארטײַטשט פארקערט: „ס'טײַטש, רעבע, שפּרינגט דער ליטוואק ארויס, א טויספעס אין רויש האשאָנאָ[4] פון דער אייגענער סוגיאָ[5] זאָגט דאָך בעפיירעש דעם הייפּעך פון אײַערע דיבורימ?“ מיילע, וואָס קלערט איר — עס איז געווען א נעס מינ־האשאָמאַימ, אז אנשיי־שלוימיינו[6] האָבן אים נישט געמיימעסט אפּן אָרט. נאָר נישט אין דעם בין איך אויסן. געהאנדלט האָט דער וואָרקער מיטן ריבוינע־שעל־אוילעם, קאוואיאָכל, ווי מיט א גוטן־ברו־דער:

1 כסידיי אומויס האָוילאָמ — פרומע פון אנדערע פעלקער (ניט יידן). 2 קאָמענטאר אפ טאלמוד. 3 דאָ: א נאָמען פון א טראקטאט פון טאלמוד. 4 דאָ: א נאָמען פון א טראקטאט פון טאלמוד. 5 אָפּהאנדלונג. 6 אונדזערע מענטשן.

— ריבוינע־שעל־אוילעמ, — גיט ער זיכ א שטעל אנידער אינמיטנ שטוב, — עס וואָלט שוינ עפּשער געװוג געװעזנ צו מוטשענ דײַנע ייִדעלעכ מיט היצנ! זיי קאָנענ נישט זיצנ אונ לערנענ!

מע האָט, אפּאָנעמ, עפּעס געענטפערט פונ דאָרט.

— אזוי! — מאכט ער, — איז עפּעס אנדערש! איכ גיב דיר נאָכ! באַ גוט באצאָלנ איז אלצ רעכט. נאָר ריבוינע־שעל־אוילעמ! טאָמער א ביסל אָפּ ד ע ר װעלט!..

מע האָט װײַטער אָנגעזונ בעכוש אינ זײַנ פּאָנעמ, אז ער הערט א טשװע אונ ענטפערט:

— מיילע, נישט — איז נישט! דו ביסט קוראנט, װעלנ מיר װארטנ!

נאָר אינ דעמ בינ איכ אויכ נישט אויסנ. דער איקער איז געװעזנ פאר סאנדיקאָעס[1]. פאר א סאנדיקאָעס איז ער שוינ געװענ שטאָל אונ אײַזנ; עס האָט נישט געהאָלפנ קיינ פּערעצ. מע האָט שוינ געװוארט דאָרטנ, אונ קאָמ האָט ער געגעבנ א װונק, איז באלד מעקוייעמ געװאָרנ. ער האָט געזאָגט, אז איידער ער גייט צו סאנדיקאָעס, אז ער דערמאָנט זיכ נאָר אינעמ מויהעל־מעסער, איז ער שוינ בבחינת פּחד[2], אונ דעריבער — „רצון יראיו יעשה“[3]!

ער האָט זיכ שטארק מעצאער געװעזנ, װאָס מענ איז דער־פונ געװאָר געװאָרנ: ער האָט געװוסט, אז ער װעט דעריבער שוינ נישט לאנג דאָ פירנ, אז ער װעט ניסבאקעש װערנ בעיִ־

---

1 די צערעמאָניע פונ האלטנ דאָס קינד בייס דעמ בריס. 2 אינ א צו־שטאנד פונ שרעק. 3 רעצוינ יערייאָװ יאאסע — ער (גאָט) װעט טאָנ דעמ װילנ פונ די, װאָס פאָרכטנ פאר אימ.

שיווע־שעל־מײַלע[1]. אניט וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום נישט געהאט. עס האָט געדארפט צו זײַן בעסאָד!

נאָר מען איז דערפון געוואָר געוואָרן. איך אויך! איך אפילע פריער ווי אנדערע, ווײַל דער גאבע מוישע איז מײַן ערשט ווײַבס א לײַבלעכער שוואָגער געוועזן... און טאקע דער מוישע, וואָס האָט אויסגעפּלאָפּלט דעם סאָד. דערפאר האָט מען אים אפילע מײַוויר געוועזן[2] אפ א האלב יאָר; נאָר דער צאר פון דעם ייִד איז אזוי גרויס געוועזן, אז דער רעבע האָט ראכמאָנעס געקריגן, און באלד צוריק געשטעלט על כנו[3], נאָר דאָס געהער אויך נישט צו דער זאך.

גענוג איך בין געוואָר געוואָרן.

מיילע — „וישמור הדבר בלבו"[4], איך האָב געווארט; איך וועל דאָך נישט גיין איבער א נארישקײַט דולן דעם רעבנ דעם קאָפּ; איך ווארט. דעמלט האָב איך געווינט אינגאנצן א מײַל הינטער וואָרקע. מײַן ערשט ווײַב האָט געלעבט, און עס איז איר נישט שלעכט געגאנגען: שווער אויסצוקומען איז אפילע געוועזן... נאָר — איך האָב פארדינט פון מײַן שאדכאָנעס וואָס־עס־איז, און זי האָט אונדז מעפּארנעס געוועזן פון שטעל. אכוצן „דרויב" האָט זי נאָך קעסט געגעבן א פּאָרפאָלק, מײַן עלטערער טאָכטער. דער איידעם — א לאמדן־מופלעג! וואָס האָט מיר געפעלט?

ווײַהי האיוים, דער איידעם איז אין גער, אין שטעטל איז יאריד, און די טאָכטער גייט צו קינד. שווער — אן ערשט־

1 ער וועט ארויסגעריסן ווערן אפן הימלשן געריכט. געמיינט: ער וועט שטארבן. 2 אָפּגעזאָגט, באזײַטיקט. 3 אל קאנוי — אפ זײַן שטעלע. 4 וואיִיש־מויר האדאָוואָר בעליבוי — און ער האָט געהיט די זאך בא זיך אין הארצן.

ליגנ... ביילע-באשע, אונדזער באָבע, קאָנ זיכ קיינ אייצע נישט געבנ, אונ זי האָט שוינ ווייענ דעמ דריטנ טאָג. עס העלפנ נישט קיינ טורוקענע, נישט קיינ געהאקטע באנקעס, קיינ אָדער לאָזנ, עס איז ביטער! אונ דאָ קריג איכ א יעדיִע, אז דער רעבע קומט אפ סאנדיקאָעס! וואָס קלערט איר? „ליהודים היתה אורה"[1]! מיר זענענ אלע דערפרייט געוואָרנ! עס איז אינ אונדז אריינ א נייַע נעשאָמע! מיר בעטנ נאָר, גאָט זאָל זי דערהאלטנ נאָכ אָנדער-האלבנ טעג! ווארעמ אריינגעלאָזט האָט מענ ערשט פונקט א שאָ פארנ סאנדיקאָעס! דאָ ווערט אָבער דערווייל ערגער אונ ערגער; עס ווערט סאקאָנאס-נעפאָשעס!

א פאָר שאָ פארנ סאנדיקאָעס איז איר דאָכ בעסער געוואָרנ, אזוי האָט זיכ מיר געדאכט. זי איז צו זיכ געקומענ, געעפנט די אויגנ, געטריבנ די מוטער אפנ יאריד, אונ מיכ צוגערופנ צומ בעט!.. א נארישע ייִדענע... אלע זענענ אזוי, פארנ האָבנ זענענ זיי בייז אפ אונדז... שמוליק — זאָגט זי — געפעלט איר נישט; ער איז איר קיינמאָל נישט געפעלנ, זי האָט אימ פונ דער ערשטער שאָ נישט געוואָלט! זי קאָנ אימ גאָרנישט ליידנ, זי וויל בעסער שטארבנ! זי האָט אומישנע ארויסגעשיקט די מוטער, ווייל פאר איר האָט זי מוירע געהאט! זי, אָלע-האשאָלעמ, איז טאקע א פייער געווענ צו קינדער. באמ באָרעקנס האָט זי זיי געוואָלט פאטשנ!

איכ, פארשטייט זיכ, גיב איר צו פארשטיינ, אז אלע ווייבער זענענ אזוי; אז טייל טוענ אפילע נעדאָרימ מיט די מאנענ נישט מער צו ווינענ; אז דעריבער איז טאקע דער קרבן חטאת[2]...

1 לאיעהודימ האָיסאָ אוירא — ס'איז פאר ייִדנ געוואָרנ ליכטיק אונ פריילעכ. 2 קאָרבנ כאטאָס — א קאָרבנ, וואָס מע פלעגט ברענגענ, עס זאָל פארגעבנ ווערנ די זינד, וואָס איז געטאָנ געוואָרנ ניט באוווסטזיניק.

טייל שווערן אפילע... נאָר — „אין אדם נתפס על צערו"[1]. און זי האלט זיך אירם, זי געזעגנט זיך מיט מיר... זי דארף נישט, נישט קיין נעדאָרים, נישט קיין שוועס, — שמייכלט זי, — „איך גיי, — זאָגט זי, — אוים ווי א ליכט!"

מיילע, הער איך זי עפּעס, אז איך זע בעכוש, אז עס איז איר בעסער! זי איז צוריק באַם גאנצן סייכל, און עס איז נאָך אינ־גאנצן א האלב שאָ צו סאנדיקאָעס! זי איז גאָר, אפ נעמאָנעס, שיינ־כיינעוודיק געוואָרן!

איך זיץ באַם בעט, רעד מיט איר... די באָבע אפילע איז אוועק־געגאנגען; זי איז געגאנגען קויפן א ווינגל אפן יאריד. איך קוק אפן זייגער, עס איז שוין צייַט צו גיין, איך קוק אפ איר, — כאחד האדם[2]! געזונט! דאָך גלוסט זיך מיר נישט פון איר אוועקצוגיין, זי איינע אליין צו לאָזן. און איינע אליין, קימאט אין דער גאנצער שטאָט.

— בא אונדז — פארשטייט איר — איז יאריד איין מאָל אין יאָר, און שטייט דרייַ טעג, און פון דעם האָט מען א גאנץ יאָר פּארנאָסע. איר קענט פארשטיין, אז אפילע באַם רעבן איז אויך קיינער נישט געוועזן, אלע אפן יאריד.

נו, ווארט איך א ביסל.

אין א האלבע שאָ ארום איז אָבער ראפּטאָם ערגער געוואָרן. זי כאפּט מיך אָן בא דער האנט, פאלט ארונטער אפן קישן. מאכט האוויַעס, שלעכט!

זי הייבט אָן פּיַפן... איך שרייַ, עס ענטפערט קיינער! פון מארק קומט אריַין א גול, א גערויש פון טויזנטער מענטשן, נאָר

---

1 איין אָדאָם ניספאָס אל צאארוי — א מענטש קאָן ניט באשול־דיקט ווערן דערפאר, וואָס ער טוט, בייס ער לייַדט שמערצן. 2 קעכאָד האָ־דאָם — ווי יעדער מענטש.



זי כאפט מיכ אָנ בא דער האנט, פאלט ארונטער אפנ קישנ.

מיך הערט נישט קיינער... צווישן אַלאָפּימ מענטשן מיט פויערן — ווי אין אַ מידבאָר! איך וויל אויסרײַסן די האנט... גיין עמועצן רופן, זי האלט אָבער זי שטארק...

עס דויערט איין מינוט, צוויי, עס איז שוין באלד שפּעט, דאָ איז ביטער — רײַס איך פאָרט אויס די האנט און לויף גלײַך אהין — דער בריס איז געוועזן אין צווייטן עק שטאָט — איך פלי איבער וועגן, איבער קופּעס סכוירעס, איך פלי, און פלי... עס דויערט מיר אלץ צו לאנג. געוועזן איז טאמעז, און מיך האָט לויפנדיק געוואָרפן די קעלט... אָט, אָט, דערזע איך שוין צעמעכס הויז, ווו עס איז דער בריס... „לב אדם יודע מרת נפשו“[1] — דאָס הארץ קלאַפּט אין מיר ווי בא א גאזלען: איך פ י ל, אז דאָרט איז יעצ!אס-נעשאָמע. אָט, האָב איך שוין דאָס ערשטע פענצטער! איך וויל אפ דער טיר נישט ווארטן, איך וועל אויסהאקן די שויבן און ארײַן. איך לויף גלײַך צום פענצטער, איך זע, דער רעבע איז טאקע אין שטוב, ער גייט ארום אופ און אָפּ, איך וועל ארײַן ווי א גאזלען! איך נעם צונויפ די לעצטע קויכעס... אין די אויערן קלינגט מיר: „טאטעשי! טאטעשי!“... איך שפרינג — דעמ דערציילער האָט אָטעמ פארפעלט. ער רוט זיך אָפּ, לאָזט אראָפּ די אויגן, אין וועלכע עס האָבן זיך דיקע טרערן געוויזן, און ענדיקט שטילערהייט מיט א צעבראָכן קאָל:

— עס איז אָבער נישט באשערט געוועזן! — פארן פענצטער איז געוועזן א בערגל מיסט מיט שטיינער — איך בין געפאלן און שיר נישט האלדז-און-לײַב צעבראָכן... איך האָב נאָך אד-האיאָמ א צייכן אפן שטערן... אז מע האָט מיך ארײַנגעבראַנגט צום רעבן, האָט ער שוין אוועקגעמאכט מיט דער האנט...

---

1 לייוו אָדאָמ יוידייא מאָראס נאפשוי — דעמ מענטשנס הארץ ווייסט זײַנע לײדן.

אז איך בין אהיים געקומען (וויאזוי, ווייס איך נישט), איז זי שוין געלעגן אפ דער ערד... אָ ד ע ר זי איז אראָפּגעפאלן באם גויסעסן, אָדער איך האָב זי אראָפּגעשלעפּט באם ארויסרײַסן די האנט...

דער אוילעם איז שטיל געוואָרן, עס האָט אונדז געדריקט א שטיין אפן הארצן, איין מאסקל איז באלד צו זיך געקומען.

— נו, — מאכט ער, — „ברוך דין אמת"[1]! ווי איז דאָס אשירעס!

דער דערציילער האָט זיך אויסגעווישט מיטן ארבל די אויגן, א טרויערדיקן שמייכל געגעבן און ווײַטער פארציילט:

— יאָ... איך האָב אײַך נאָר געוואָלט ווײַזן, וואָס מע מיינט — נישט באשערט. דערווײַל האָט זיך געמאכט צאָרעס איבער צאָרעס... מײַן ווײַב איז ניפטער געוואָרן... די שטעל איז געגאנגען לעיִבעד... בא'ן א מאנספּארשוין... איך בלײַב מיטן דרויב אָן א שטיקל ברויט... האָב איך כאסענע געהאט... איך האָב אומישנע גענומען אן עלטערע יידענע! וואָרעם, בעעמעס, גע-מיינט האָב איך — א יידענע צו דער שטעל! איך האָב אָבער געהאט א „מעקעכ-טאָעס", וואָס א יאָר — א בען! דערווײַל זענען אונדזערע יארידים אָפּגעפאלן, און א גאנץ יאָר איז די שטעל ווערט א „שישקע פּולווער" — האָב איך מיך מעיאשעוו געווען: אן עק זאָל עס האָבן! איך וועל אוועקלייגן דאָס שאד-כאָנעס, ווערן אן אוישער און זיצן און לערנען! איי — וויאזוי ווערט מען אן אוישער? איך שרײַב צו מײַן געוועזענעם ווײַבס שוואָגער, צום גאבע, אז, לעמאן-האשעם, ער זאָל מיר מוידיע זײַן, ווען עס וועט זיך מאכן א סאנדיקאָעס.

---

[1] ב אָ ר ו ך ד א י אָ ן ע מ ע ס — געבענטשט איז דער, וואָס מישפּעט לויטן עמעס; אזוי זאָגן רעליגיעזע יידן, ווען זיי הערן, אז עמעצ איז געשטאָרבן.

עס איז נישט אוועק א כווידעש, קריג איך א שאָליעכ-טעיו-כער[1] און לויף קיין וואָרקע. איך שטעל מיך אין ערגעץ נישט אָפּ, לויף גלייך צום רעבן.

— און — א גרעסערער בארג מיסט? — לאכט דער מאסקל.

דער דערציילער שיקט אין זיין זייט א בליק ווי א שפּיז.

— דער וואָרקער צאדיק, זכותו יגן עלינו[2]! — זאָגט ער, — האָט געהאלטן פון טאהארעס[3], זיין גאנצע אווידע איז געווען ט א ה א ר ע ס!

— זע נאָר, — מאכט דער מאסקל, — ווי ער קוקט אף מיר! שייגעץ איינער! אז דו ביסט געקומען אהער, ווער האָט דיר גע-האָלפן? א וואָרקער כאָסיד? עפשער דיין אייגענער פעטער, דער צאדיק? אָדער איך? האַ? דו וואָלסט שוין לאנג געפּייגערט פאר הונגער, ווען נישט איך!

און צו מיר זיך ווענדנדיק:

— און היינט, מיינט איר, וואָס איז ער? מ ע ל א מ ע ד ב א מ י נ ע קינדער, זאָל איך זיי אים היינט אוועקנעמען, בלייבט ער שטיין אָן פּארנאָסע — אָן א שטיקל ברויט אין פּיסק...

דער ייד שווייגט מיט ארויפגעלאָזטע אויגן.

דער מאסקל ווערט מיר אלע רעגע עקעלער, כאָטש ער האָט מיר נאָך פריער מיט די אויגן א צייכן געגעבן, אז ער האָט גע-פּויעלט, און מיט די הענט געוויזן, אז מאָרגן וועט מען שרייבן. איך דריי מיך איבער צום ייד:

— נו, נו, דערציילט ווייטער, רעב קאָרעוו.

— זעט אליין, — מאכט ער צום מאסקל, — אונדזער

---

1 א ספּעציעלער שאָליעך. 2 זכוסוי יאָגייג אָליינו — זיין זכוס זאָל אונדז בייַשטיין. 3 ריינקייט.

„פֿאַרשרײַבער“, אפֿן פּאָנעם קוקנדיק, איז מער מאסקל פֿון אײַך, און כוויזעק מאכט ער נישט... מע מעג זאָגן אנדערש... דער ראמבאמ[1], זכותו יגן עלינו, האָט אפֿילע אין קישעפֿ, לעהאוודל, נישט געגלייבט... נאָר, ווי עס איז, ענטפֿערט מען ערנסט... א ייִד דאַרף האָבן א דערעך... נאָר כוויזעק איז נישט מײַסע... מײַסע... ייִד, עס כאַפּט אָן באַ דער לעבער!

— נו, נו! — מאכט דער מאסקל ווייכער, — שיט שוין אויס די רעשט.

— איך וועל שוין מעקאַצער זײַן, — הייבט אָן דער אָרעמער ייִד, — איך קום אַרײַן אָן א קוויטל, בעאַל־פּע... אפֿילע אָן א פּידיען[2]... דעמלט גייט נישט קיין פּידיען... פֿאַר סאַנדיקאָעס איז ער בבחינת „לא יועל כל כופר“[3]. אַזוי כלפי מעלה[4], ווי כלפי מטה[5]... נאָר דאָס פּאָנעם איז געוועזן שרעקלעך! העגט און פֿיס האָבן אונטער מיר געציטערט! איך שטיי און עפֿן נישט דאָס מויל, ער, זכותו יגן עלינו, מאכט שפּרײַז אוף און אָפּ.

ראַפּטום דערזעט ער מיך, און גיט א געשריי, טאַקע מאַמעש ווי א לייב:

— וואָס ווילסטו?

איך האָב מיך נאָך מער דערשראָקן און — קוים געענטפֿערט:

— אשירעס!..

דער רעבע האָט, אפּאָנעם, נישט גוט דערהערט.

---

1 ראמבאמ (רמב״ם) — קירצונג פֿון „ראַביינו מוישע בען מײַמאָן“ (מײַמאָניד), א באַוווסטער ייִדישער פֿילאָסאָף אין XII יאָרהונדערט. 2 דאָ: דאָס געלט, וואָס מע פֿלעגט געבן א גוטן־ייִדן, ווען מע פֿלעגט קומען צו אים מיט עפּעס א ביטע. 3 לוי יויל קאָל קויפֿער — עס העלפֿט ניט קיין שום אויסלייז־געלט. 4 קלאַפּיי מײַלע — בענעגייע צו גאָט. 5 קלאַפּיי מאַטע — בענעגייע צו לײַט.

— אשירעס? — פרעגט ער, און דאָס קאָל איז געוועזן ווי פון א דונער.

— כאָטש... פּארנאָסע, — ענטפער איך נאָך שטילער.

— וואָס, פּארנאָסע? — שרייַט ער ווייַטער.

— כאָטש — פאר הונגער נישט שטארבן!

דער רעבע לויפט אוף און אָפּ און שטעלט זיך ראפּטום אָפּ און פרעגט:

— וואָס נאָך?

איך האָב געמיינט — איך שטארב! דאכט זיך מיר (ווייס איך, מיר דאכט זיך אזוי), אז נישט איך, נאָר עמעצ אנדערש האָט מיר איבערגעדרייט די צונג! און זי האָט געענטפערט:

— יויסעף זאָל זייַן א לאמדן...

און שוין! — איך בין קוים לעבעדיק ארויס, און ער, זכותו יגן עלינו, איז די אנדערע וואָך ניפטער געוואָרן...

נו? האָט עפּעס א סאך געפעלט צו אשירעס? א האָר! איך בין מיר אליין שולדיק! ווען איך שפּאר מיך אייַן, האלט מיך איינס — מיילע!

— איז כאָטש — פרעג איך — אייַער יויסעפ א לאמדן-מופלעג?

— ער וואָלט אווּאדע געוועזן, — ענטפערט ער מיר מיט א צעבראָכן לאָשן, — נאָר ער וויל נישט... אפ דעם איז שוין קיין רעבע נישט פאראן... ער וויל נישט לערנען... טו עפּעס!

— וואָס טויג מיר דאָרטן, — פּאלט דער מאסקל ארייַן אין די רייד, — דער „היוצא לנו מדברנו"[1] איז: אז מע דארף נישט האָבן קיין מיסט אונטער די פענצטער; אז מע פּויעלט נישט

---

1 היוצא לנו מדבורינו — דער רעזולטאט פון אונדזערע רייד.

אָן אַ פּידיען, און דער איקער — אַז מע דאַרף פאַר קיין רעבן נישט מוירע האָבן!

אין איין רעגע איז דער בלאָס־געלער ייִד פלאַמענדיק געוואָרן, די אויגן האָבן זיך אים אונטערגעצונדן, די געשטאַלט האָט זיך אויסגעצויגן, און די שטוב האָט אַ הילך געטאָן פון צוויי פעטש, וואָס דער מאַסקל האָט געקריגן.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

איך האָב מוירע, אַז זײַנע ערשטע באַקאַשע וועט אויך נישט דערפילט ווערן: ער וועט נאָך שטאַרבן פאַר הונגער.

## IX

## אַ ייִנגעלע

דעם גאַסטהײַזערס שיינע כיינעוודיק ייִנגעלע מיט די מזיעסע טנועלעך, מיט די לעקעלעך פול מיט פעדערן, קאָן מיר אויסן קאָפּ נישט אַרויס. אָדער ער שטייט מיר פאַר די אויגן מיט אַ שטשיפּיאָרעק אין האַנט און וויינט און וויל דעם צווייטן; אָדער איך הער אים באַ מינכע־מײַרעוו זאָגן אַזוי קינדיש־וויינענדיק־ערנסט דעם קאַדעש, אַז עס כאַפּט מיך אָן באַם האַרצ.

ווען דער כאָסיד האָט דעם מאַסקל געפּאַטשט, איז דאָס קינד אַזוי בלאָס און גרינג געוואָרן פאַר שרעק, אַז איך האָב אים אָנגענומען באַ דער האַנט און אַרויסגעפירט פון שטוב.

— קום אַ ביסל שפּאַצירן!

— שפּאַצירן? — שטאַמלט ער.

דאָס בלאַסע פּאָנעמל רייטלט זיך.

— דו שפּאַצירסט קיינמאָל נישט?

— הײַנט נישט. אַז די מאַמע, אָלע־האַשאָלעם, האָט געלעבט, פלעגט זי מיך מיטנעמען שאַבעס וועיאָמטעוו שפּאַצירן...

דער טאטע — אים צו לענגערע יאָר — הייסט בעסער אריַינקוקן אין א סייפער.

דאָס איז שוין געוועזן אין לאנגן אייַנפאָר-הויז; פונדערווייַטן שימערט א רויטער „מאָגן-דאָוויד" פון א לאמטער ארויס. איך האָב זייַן פּאָנעם נישט געזען, נאָר זייַן דאר הענטל האָט אין מייַנער געציטערט.

מיר זענען ארויס אין גאס אריַין.

דער הימל הענגט איבער טישאָוויץ ווי א טונקל בלויער מונדיר מיט מאט-זילבערנע קנעפּ. מייַן מיט-שפּאצירער האָט עס אווּדע אויסגעזען ווי א פּאָרויכעס מיט זילבערנע פליטערלעך באנייט. אים כאָלעמט זיך עפּשער אזא בלוי-זייַדן טפילן-בייַטעלע מיט פליטערלעך; אין א יאָר פינף—זעקס וועט ער עפּשער קריגן אזא מאטאָנע פון דער קאלע.

באנאכט זעט דאָס שטעטל גאָר אנדערש אויס. די קרומע און לאָם-געבויגענע הייַזלעך פארשווינדן אין דער „פּאָעטישער שטילער שוים פון דער נאכט"; און די פענצטער און שויבן-טירן זענען אויס ווי גרויסע פייַערדיקע, פורפור-שטראלנדיקע אויגן...

אף די קוימענס שטייען שוין אוודע טעפּ מיט זידנדיק וואסער צו קארטאָפל אָדער „קליסקעלעך מיט ביבערלעך". לויט סטאטיסטיק פאלט אין טישאָוויץ דורכשניטלעך 37 און א האלבער רובל אף א קאָפּ א יאָר, לעערעך 10 קאָפּעקעס א טאָג. בארעכנט: מעלאמעד-געלט, צווייערליי געפעס, שאבאָסים און יאָמטויווים, א קרענק און א גוטן-ייד — אכוץ בייַזאכן... וועט איר פארשטיין, אז א ייַיכל טרעפט זיך באם קוימען זעלטן, אז די קליסקעלעך ווערן געמאכט פון רעטשען-מעל אָן אן איי, און ווער ווייסט, אויב די קארטאָפל ווערן געשמאָלצן.

דאָך שטייען מאנכע הייַזלעך שטאָק-בלינד. דאָרט גייט א שטיקל טרוקן ברויט מיט אָדער אָן א הערינג. און עפּשער —

קרישמע אָנ וועטשערע... אינ איינעמ פונ די הייזלעכ מוז שטיינ די אלמאָנע, וואָס דארפ אזוי וויניק, אונ קלאפנ זיכ אינ דארנ הארצ־ברעטל אריינ בא דער לאנגער ווידע, עפשער מעסט זי זיכ אָנ אירע טאכריכימ... דערמאָנט זיכ אָנ אמאָליקנ, מיט א גאָלדענעמ פאס באזוימטנ כופע־קלייד, אונ פונ די אלטע אויגנ קאפעט אראָפ א טרער, אונ זי שמייכלט דערביי אריינ אינ דער פינצטערער נאכט: וואָס דארפ א יידענע?

מיינ יאָסעמ האָט עפעס אנדערש אינ זינ.

אונטערטאנצנדיק אפ איינ פיסל, רייסט ער ארופ דאָס קעפל צו דער לעוואָנע, וואָס שווימט נאריש־אריסטאָקראטיש פונ איינ דרילע ארומ אינ דער צווייטער אריינ.

ער זיפצט. צי האָט ער געזענ א שטערנ פאלנ? — ניינ.

— אוי, — זאָגט ער, — וואָלט איכ געוואָלט, מאָשיעכ זאָל קומענ!

— וואָס איז?

— איכ וויל, די לעוואָנע זאָל שוינ גרעסער ווערנ! עס איז אפ איר אזא ראכמאָנעס! זי האָט טאקע געזינדיקט[1], אָבער אזוי לאנג צו ליידנ... עס גייט שוינ דער אלף הששי[2]...

אינגאנצנ צוויי באקאָשעס: פונ טאטנ אפ דער ע ר ד — נאָכ א שטשיפיאָרעק, אונ פונ פאָטער אינ ה י מ ל — די לעוואָנע זאָל גרעסער ווערנ!

1 פאראנ אזא לעגענדע: ווענ גאָט האָט באשאפנ די וועלט, האָט די לעוואָנע געשיינט אזוי העל ווי די זונ. די לעוואָנע האָט אָבער געוואָלט זיינ העלער פונ דער זונ, האָט זי גאָט דערפאר באשטראָפט אונ פארמינערט איר שיינ. אז מאָשיעכ וועט קומענ, וועט די לעוואָנע צוריק באקומענ איר פריערדיקע העלקייט.

2 ע ל ע פ ה א ש י ש י — דער זעקסטער טויזנט. לויט די יידישע רעליגיעזע פארשטעלונגענ, גייט איצט דער זעקסטער יאָרטויזנט, זינט די וועלט איז באשאפנ געוואָרנ.

עס כאפט מיכ אָנ א ווילדער כיישעק אימ צו זאָגנ: לאָז גע־מאכ! דײַנ היגער טאטע וועט באלד כאסענע האָבנ, דו וועסט באלד א שטיפמאמע קריגנ, א שטיפקינד ווערנ, אונ וועסט וויינענ א שטיקל ברויט! זײַ מויכל דעמ שטשיפיאָרעק. פארגעס אויכ די לעוואָנע...

איכ האָב מיכ קוימ אײַנגעהאלטנ.

מיר זענענ ארויס פונ טישאָוויצ. דער פרילינגס־אָטעמ בלאָזט אפ אונדז פונ גרינעמ פעלד. ער שלעפט מיכ צו צו׳נ א בוימ. מיר זעצנ זיכ.

דאָ, — פאלט מיר אײַנ, — האָט ער געמוזט זיצנ מיט זײַנ מוטער. זי האָט אימ געמוזט ווײַזנ, וואָס עס וואקסט אפ די שמאָלע פאסנ פונ די מעשטשאנסקע פעלדער; ער דערקענט: ווייצ, קאָרנ, קארטאָפל.

— אונ דאָ וואקסנ דערנער! צי קיינער עסט קיינ דערנער נישט?

— אייזלענ, זאָגט מענ, עסנ דערנער!

— פארוואָס, — פרעגט ער, — האָט גאָט באשאפנ, יעדע בריע זאָל עסנ עפּעס אנדערש?!

ער ווייסט נישט, אז ווענ אלע זאָלנ גלײַכ עסנ, וואָלטנ אלע גלײַכ געוועזנ.

X

## דער יארציעווער ראָוו

איז א מענטש מיט אלע „וויגאָדעס", מיט אלעמ גוטנ. ער נעמט פיר רובל א וואָכ אונ האָט קימאט דײַ וועהויסער[1]! וואָס? „דזיאד ז׳באכאָנ!" ער איז פריער דײַענ געוועזנ אינ א גרעסערער

1 איבערגענוג.

שטאָט, איכ גענומענ פיר רובל א וואָכ, אונ האָט זיכ מישאבעס-לעשאבעס באמ הערינג קימאט די פינגער צעשניטנ. ער רעכנט מיר אויס: אָנבײַסנ, ווייס איכ, א ביסל מילכ-גריצ, א האלב פונט פלייש צומ ווארמעס. באנאכט א גלעזל ווארעמס מיט נעכטיקע בייגל — איז שוינ געוועזנ ענג! נהרא נהרא ופשטיה[1], — דאָס ווארמעס אינ די גרויסע שטעט איז א דאלעס, אזוי איז מענ אינגאנצנ פּאָטער פונ קאָלדאנ[2]... ער איז נישט קראנק צו ווארטנ ביז וועטשערע. אונ אינדערפרי — א ביסל באָרשטש. אזוי פירט מענ זיכ טאקע אינ יארציעוו אונ אזוי איז טאקע גוט! דאָרט איז זייער שלעכט געוועזנ... אימ האָט עס אפילע נישט געארט, ער האָט גאָר נישט ליב קיינ פלייש, אינדערוואָכנ איז עס א „מײַכל-גאס“, טאקע א שווער מײַכל. אינדערוואָכנ האָט ער ליב א ציבלקע מיט א ביסל פּיצמיטהאנע. פּיצמיטהאנע האָט ער ליבער אפילע ווי פּורימדיק קרויט. ער האָט שוינ אזא טעווע. „נאָר די רעבעצנ, זי הערט דאָכ נישט, — שמייכלט ער אפ איר קוקנדיק, — איר האָט עס אמאָל פּארדראָסנ! א יידענע האָט קינע! ווי הייסט? די שויכעטקע האָט קישקע, אונ זי, די דײַענטע — אפילע קיינ ביינדל! נישט א רעציכע, הא? הײַנט בינ איכ אלצ פּאָטער — אינ יארציעוו, באָרעכ-האשעמ, עסט קינד-אונ-קייט פלייש — מישאבעס-לעשאבעס, אונ אויכ שעפּסנס! אונ אבי די רעבעצנ האָט נישט וועמענ מעקאנע צו זײַנ, איז אלצ גוט.

— מעקאנע צו זײַנ! — וואָרטשעט ארײַנ די רעבעצנ.

— איכ ווייס, איכ ווייס, — לאכט שטיל דעמ ראָווס קליינ גערונצלט קעפּל, בעשאס דאָס ווייכ-שפּיציקע בערדל ציטערט אונ די אלטע אויגנ ווערנ פײַכטער, — איכ ווייס, דיר איז נישט

---

1 נאהארא נאהארא אופשאָטיי — יעטווידער טײַכ האָט זײַנ גאנג, געמיינט: יעדער אָרט האָט זיכ זײַנע מינהאָגימ. 2 מאָגנ; קישקע.

געגאַנגענע אינעם זינדיקן גוף, נאָר אין קאָוועד־האַטוירע... סטייַטש, א שויכעט — יאָ, און א דייַען — נישט! א דייַען איז דאָך גרעסער ווי א שויכעט! סייַוויסייַ, הייַנט בין איך פּאַטער פון די אלע זאכן! — אז מע קוילעט גאָרנישט א גאנצע וואָך.

נאָך צופרידענער איז ער פון דער פרישער לופט. אין דער גרויסער שטאָט פאסט נישט פאר באלעבאטים, נאָר גרויסע הייַזער: אינמיטן וווינען רייַכע באלעבאטים; אונטן אין קעלער, און אויבן אונטערן דאך — אָרעמעלייַט, און — פארשטייט זיך — די משעובדי קהל[1].

זומער האָט עס אים געשטיקט... עס איז אזוי ווייַט געקומען, אז די רעבעצן האָט אים אוועקגענומען דאָס טאבאק־פּושקעלע, ער זאָל כאָטש קיין טאבאק נישט שמעקן. זי האָט עס אָבער געמוזט אָפּגעבן; אָן טאבאק איז ער גאָר אוים מענטש; ער קאָן אפילע בא'ן א סייפער אָן טאבאק נישט זיצן. אפילע ווען ער שמעקט נישט, מוז ער דאָס קאָרענע פּושקעלע דרייען אין דער האנט באם לערנען, און אפילע (ווי צינד) באם רעדן, אניט פארלירט ער די מאכשאָוועס, איז ער מענאמגעם מיטן לאָשן[2].

מיילע — וואָס קלערט איר — „אז ער האָט דערזען יארציעוו מיטן גרויסן, מיט גראָז באוואקסענעם מארק", האָט ער זיך געוואָלט לאָזן קלעזמער שפּילן. „קלעזמער האָבן טאקע געשפּילט", דעם טאָג איז גאנץ קאָהאָל אין דער היים געוועזן, און מע איז אים אקעגן געגאנגען מיט קאָמאָראָווער מוזיק, אויך האָט ער זיך גאָר מעכייַע געווען מיט די פּיצעלעך הייַזעלעך, טאקע ווי קאָרענע טאבאק־שקעטעלעך, סאמע הילצער־

1 מעשובאָדיי־קאָהאָל — די, וואָס דינען בא קאָהאָל. 2 פארהיקעט זיך; רעדט ניט קלאָר.

אפילע די באַלמעלאָכעס זיצנ נישט אינ דער היימ אונ גייענ אפ די דערפער ארבעטנ.

נע, איינס איז דאָ א געמויערטס, א גרויס, דאָס וואָס שטייט אינמיטנ מארק, — איז עס דעמ פאָרעצס...

און הײַנט די טרעפ, וואָס ער איז פאָטער געוואָרנ. ער איז בעטעווע א כשל ברך[1], נאָכ א יאָר וואָלט ער אָנ פיס געבליבנ! און די מענוכע! שטיל, עס בילט נישט קיינ הונט, און, לעהאוודל, עס וואָיעווענ נישט די קינדער. עס איז דאָ א דרײַסיק קינדער, איז איבער זיי עפשער זעקס מעלאמדימ, האָט מענ טאקע אפ זיי האשגאָכע, נישט ווי אינ די גרויסע שטעט! וואָיעווענ, יאָ! פורימ, כאנעקע, אזוי א יאָמטעוו! — אזוי אָבער — מע זאָל עס הערנ א שאָרכ!

און דעריקער, האָט ער א בראָכע פונ זײַנ ליבנ נאָמענ, — א שטעטל אָנ מאכלויקעס. עס איז אפילע דאָ צוויי-דרײַ כסידימ מיט טביילעס, — „גלייבט מיר, איכ בעט פאר זייער לעבנ", וואָרעמ, כאס-וועשאָלעמ, איבער הונדערט יאָר, וועט זיכ מאכנ אנ אייסעק מיט דער קוו:רע! אזוי איז שטיל.

דאָס שטעטל איז סאמע דאָרפס-גייער, אָדער „לויפער". אפילע די באלמעלאָכעס זיצנ נישט אינ דער היימ און גייענ אפ די דערפער ארבעטנ. אפילע דער פעלדשער לויפט ארומ אינ דער סוויווע מיט די באנקעס. זונטיק אינדערפרי קאָנט איר טרעפנ דעמ גאנצנ אוילעמ, ווי ער שיט זיכ ארויס פונ די הינערשע הײַזלעכ. הינטער דער שטאָט טוט מענ אויס די שטיוול, מע הענגט זיי אפ א שטעקנ איבער די פלייצעס און מע צעלויפט זיכ אינ אלע זײַטנ. פרײַטיק פארנאכט קומענ זיי צוריק. אפילע דער שויכעט גייט אמאָל אוועק אפ א גאנצע וואָכ, — ווענ האָט מענ צײַט צו פירנ מאכלויקעס?

---

1 קאָשל-בערעכ—געשטרויכלט אפ די קני; שוואכ אפ די פיס.

שאבעס אונ יאָמטעוו איז אפילע אָלול[1] צו אזוינע זאכנ, עס מאכט זיכ אמאָל אנ אייסעק, נאָר ווי! זיי זענענ גאָרנישט געווינט דערצו; עס גייט עפּעס אומגעלומפּערט. דער אוילעמ איז שלעפּעריק אונ מיד.

זיצט ער טאקע אונ לערנט.

„עס מאכט זיכ אפילע (שמייכלט ער) אמאָל א שטיקל מאכלויקעס, נאָר לעשיימ-שאָמאַימ! צווישנ מיר מיטנ שויכעט. פארשטייט איר: א שיילע טרעפט זיכ זייער זעלטנ: א גאנצע וואָכ גייט מילכעדיק געפּעס, שאבעס — פליישיק געפּעס, בא איינ קוימענ, בבת אחת,[2] שטייענ זיי נישט! א שאלת-הריאה[3] טרעפט זיכ איינ מאָל אינ יאָר! נו, פאר דאָס, אז עס טרעפט זיכ שוינ, לאָזט מענ זי אזוי געשווינד נישט ארויס; ווארפט מענ דורכ גאנצ שאס, אלע פּויסקימ, אונ עס ווערט א מאכלויקעס, דער שויכעט איז זייער איינגעשפּארט אונ פארקרעקט אונ האָט נאָכ א טעווע זיינ בינטל כעסרוינעס צו לייגנ אפ יענעמס פלייצע; זאָגט ער, אז איכ בינ „איינגעשפּארט אונ פארקרעקט!“

לעכאטכילע האָט ער אפילע דאָ אויכ ווילד צאר געהאט פונ צוויי זאכנ: פונ די הייוונ אונ — פונעמ הייזל. „אלצ (שמייכלט ער) דורכ דער רעבעצנ“. מיט די הייוונ איז אזוי געוועזנ די מייסע: ער האָט זיכ מושווע געוועזנ[4] מיט קאָהאָל פיר רובל א וואָכ. אז דער פריערדיקער ראָוו האָט באקומענ פיר רובל א וואָכ מיט די הייוונ, האָט מענ פונ אימ מעאלימ געוועזנ[5], אונ גאָרנישט.

נאָר דעמ ערשטנ שאבעס-האגאָדל[6] האָט ער געהאלטנ גאָר

---

1 צוגעפּאסט; פּעיִק. 2 בעוואס אכאס — איינצייטיק; צוזאמענ; פאריינס. 3 שיילעס-האָרייאָ — א שיילע אפ דער לונג, וואָס מע ברענגט צומ ראָוו, קעדיי פעסטשטעלנ, צי איז די געקוילעטע בעהיימע קאָשער. 4 זיכ אויסגעגלייכט. 5 ניט אויסגעזאָגט. 6 דער שאבעס, וואָס פאר פּייסעכ.

א גרויסן דרוש איבער כאָמעץ בעפּייסעכ. די שטאָט איז גאָר אויסער זיכ געוואָרן. „א גוטע זאכ שמעקט יעדן, אפילע אן אמהאָרעץ-דעווירײַסע[1]". איכ זאָג, אז עס קומט פון דעם, וואָס אלע נעשאָמעס זענען געוועזן באמ בארג סינײַ. און דאָרטן איז געוועזן „כל מה שעתיד תלמיד ותיק לחדש"[2]! דעריבער אפילע ווען די נעשאָמע האָט שוין פארגעסן, דערשמעקט זי דאָכ, אז דאָכ איז עפּעס פון יענע זאכן... און טאקע באלד כאלאמויעד האָט מיר די שטאָט אליין צוגעגעבן די הייוון, בעויסע האָרעגע[3] האָב איכ בא מיר געפילט א ביסל גייוס[4], און זײַן ליבער נאָמען האָט מיכ טאקע באלד געשטראָפט דערפאר.

איכ האָב געהאט צאָרעס פון די הייוון. א גאנצע וואָכ האָב איכ געהאט דינ-טוירעס צווישן די באלעבאָסטעס מיט דער רעבעצן: דער איז די כאלע געוועזן צו הארט, דער — צו שווער, דער איז די כאלע אָפּרינדיק געוואָרן. מע האָט זי כוישעד געוועזן, אז זי גיסט ארײַן וואסער. ווייס איכ? איכ האָב נישט געזען, און זי זאָגט: ניין.

מיילע, עס איז דאָכ נאריש, איכ וועל דאָכ דער רעבעצן קיין דינ-טוירע נישט פּאסקענען, מאכ איכ פּשאָרעס. קומט מען פרײַטיק, טויש איכ אוים אפּ מײַנע קוילעטשן, א גאנצע וואָכ גיב איכ צו'ן א ביסל הייוון אפּ קליסקעלעכ. האקלאל — צאָרעס-צרורעס! געלויבט איז גאָט, עס האָט א שנײַדער געברענגט געפּרעסטע הייוון: אוים פונדוש[5]! אן עק.

מיטן הײַזל ווײַטער איז אזוי געוועזן:

ער האָט באמערקט, אז די רעבעצן מאכט זיכ א קניפּל. מוי-

1 געמיינט: אן אויסגעשפּראָכענער אמהאָרעץ. 2 קאָל מא שעאָסיד טאלמיד וואָסיק לעכאדייש — אלץ, וואָס א טיכטיקער לערנער וועט איינ צוקונפט באנײַען (אופדעקן). 3 אינ דער דאָזיקער רעגע. 4 גייוס — שטאָלץ. 5 קאַפּיטאל; פאָנד.

לע, מאכט זי — מאכט זי; זייַנע דייַגע. די קינדער גייט עס אפילע גוט, נו, ווייל זי עפשער אנ איינזיקל א מאטאָנע קויפן; זאָל זייַנ אזוי. ער אפילע האלט נישט דערפונ, נאָר מיט א ייִדענע פירט ער קיינ מילכאָמע נישט. עפשער, טראכט ער, מיינט זי עפעס אנדערש. „איכ ווייס, נישט אויסגערעדט זאָל עס זייַנ, א סאכ גרייטנ אָנ זיכ אפ שפעטער... ווייס איכ! איכ זאָג: „ברוכ השם יום יום"[1], אז מע וועט ניפטער ווערנ, וועט זייַנ טאכריכימ! נאָר ער מישט זיכ נישט אריינ!

די הייוונ זענענ נאָכ דעמלט געגאנגענ, אונ, קורצ אונ בעקיצער, „איינמאָל דערציילט מענ מיר אינ בעסמעדרעש א מייַסע! בייַשער-בעכיינ די רעבעצנ האָט געקויפט א ביסל געהילצ! איכ קומ אהיימ, עמעס! זי האָט שוינ אפילע באשטעלט באלמעלאָכעס, זי הייבט אָנ בויענ א הייַזל! וואָס איז? זי וויל נישט וווינענ קאָמאָרינע[2]!" ער האָט זיכ וויַטער נישט געמישט, — זאָל זי בויענ! אונ זי האָט אופגעבויט, זי האָט זיכ אריַנגעצויגנ, ער — האָט נאָר איבערגעטראָגנ זייַנ שאס.

„נו, בינ איכ באלעבאָס אויכ!"

איז אימ אָבער זייער ווייַט געווענ צומ בעסמעדרעש.

„לוי-אלייכעמ, אפ דער עלטער זענענ מיר שוואכ געוואָרנ די פיס. אינ דער היימ קיינ סאכ ספאָרימ האָב איכ נישט, אינ בעסמעדרעש, וויַטער, איז א כיירעמ[3] נישט ארויסצוגעבנ קיינ סייפער. נישט נאָר דעמ ראָוו, קיינ ראָש-האקאָהאָל אפילע נישט. מאכט זיכ א שייַלע, האָב איכ מיר נישט מיט וואָס די הענט צו צעפירנ, איכ האָב געליטנ צאר דערפונ!"

וואָס טוט גאָט? מאכט זיכ א סרייפעלע, עס זענענ אָפגע-

1 געבענטשט איז גאָט יעדנ טאָג. 2 אינ שכיינעס. 3 דאָ: א שטרענגער פארבאָט.

ברענט געוואָרן עטלעכע הײַזער. מײַנס אויך! געלויבט איז גאָט! די באַלעבאַטים האָבן קיין גרויסן העזעק נישט געהאַט, זיי זענען געווען „סעקורירט“; איך אַוודאי נישט, — קאָהאָל האָט מיר, ווי איר זעט, אָפּגעצוימט א שטיקל בעסמעדרעש!“

## XI

## לאַשטשאָוו

אין א טונקעלע זומער־נאַכט, צווישן עלף און צוועלף, בין איך אָנגעקומען קיין לאַשטשאָוו. ווײַטער א מאַרק, אַרומגעצוימט מיט געבויטע און געמויערטע הײַזלעך. אינמיטן מאַרק ליגן אָנגעוואָרפענע ווײַסע שטיינער. איך פּאָר צו נענטער, — די שטיינער רירן זיך, קריגן הערנער; עס ווערט פון זיי א מאַכנע הערלעך־ווײַסע ציגן.

די ציגן זענען געשײַטער פאַר טישאָוויצער קאָהאָל; זיי דערשרעקן זיך נישט. איינע אָדער צוויי אינגאַנצן האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, באַטראַכט אונדז שלעפעריק, און ווײַטער זיך גענומען צום קאַרגן גראָז אין גאַס און צום קראַצן איינס דאָס אַנדערע!

גליקלעכע ציגן! עס מאַכט אָפּ אײַך קיינער קיין בילבולים, איר ברויכט זיך נישט שרעקן פאַר סטאַטיסטיקער. עמעס — מע קוילעט אײַך, נו וואָס? ווער שטאַרבט נישט פאַר דער צײַט? יעסורים — האָט איר זיכער ווייניקער!

איך דערמאָן מיך, וואָס מע האָט מיר אין טישאָוויץ געזאָגט: „אין לאַשטשאָוו וועט אײַך בעסער און געשווינדער גיין. רויקע באַלעבאַטים, שטילע, עס וועט אײַך קיינער נישט נאָכלויפן“.

קאָהאָל און די ציגן זעען אוים א זיוועג צו זײַן; איינס אין דאָס אנדערע געראָטן.

דאָך מײַן גאַסטהײַזער, מיינס אַן אלטער באַקאַנטער, מאכט מיר א ביסל שווער דאָס האַרץ, עס איז נישט, זאָגט ער, אזוי לײַכט, ווי מע מיינט.

— און וואָס וועט איר טאָן, — פרעגט ער, — איר וועט אַרומגיין מיבאָים לעבאָים[1]?!

— ווי דען?

— האַלעווײַ מע זאָל אײַך ענטפערן א גוט וואָרט!

— פאַרוואָס נישט?

— א ייִד האָט פײַנט, מע זאָל אים עפענען און ציילן די קאַסע.

— וואָס איז, די בראָכע וועט נישט אַרײַן?

— ניין, דאָס נישט, נאָר די קלאָלע — דער קרעדיט וועט אַרויס.

# XII

## די ערשטע פּרוּוו

אינדערפרי, נאָך איידער דער שאַמעס איז געקומען, זענען שוין געווען בא מיר עטלעכע ייִדן; זיי ווילן זען דעם פאַרשרײַבער. מײַן שעם פאָרט פ א ר מיר.

איך מאַך א פּרוּוו און ווענד זיך צו איינעם.

— גוט-מאָרגן, רעב קאָרעוו.

— גוט-מאָרגן, שאָלעם-אַלייכעם.

ער דערלאַנגט מיר גאַנץ פויל די האַנט.

[1] פון שטוב צו שטוב.

— ווי הייסט איר, רעב קאָרעוו?

— לייווי־יִצכאָק.

— און אפּנ דײַטשנ נאָמענ?

— וואָס דארפט איר צו וויסנ?

— וואָס, א סאָד איז עס?

— א סאָד צי נישט א סאָד, נאָר איר מעגט מיר זאָגנ, נאָכ וואָס איר דארפט וויסנ... דאָס איז דאָכ אוואדע קיינ סאָד נישט!

— איר ווייסט דענ נישט?

— נישט אקוראט...

— און ווי איז אײַער „מיקויעכ שטוים”?

— „בערנפּעלצ”, — ענטפערט ער א ביסל פארשעמט.

— א ווײַב?

— עט!

— וואָס הייסט „עט”?

— ער וויל זיכ געטנ! — ענטפערט פאר אים אנ אנדערער.

— וויפל קינדער?

ער מוז זיכ מעיאשעוו זײַנ און ציילט אפּ די פינגער: פונ ערשטנ ווײַב, מײַנע — איינס, צוויי, דרײַ. אירע — איינס, צוויי, — פונ צווייטנ ווײַב...

עס ווערט אימ דאָכ נימעס צו ציילנ.

— נו, זאָל זײַנ זעקס!

— „זאָל זײַנ” טויג נישט, איכ דארפ וויסנ אקוראט!

— זעט איר, אָט דער „אקוראט” איז נישט פראָסט! אקוראט!

— וואָס דארפט איר וויסנ אקוראט? וואָס איז, א טשינאָווניק זענט איר? מע צאָלט אײַכ דערפאר? עס וועט אײַכ עמעצ נאָכפאָרנ און קאָנטראָלירנ? אקוראט!

— זאָג, בעהיימע, זאָג! — מונטערנ די רעשט. — האָסט

אַנגעהויבן — זאָג! זיי ווילן וויסן, וואָס פארא שײַלעס עס וועט אַלץ זײַן.

ער האָט נאָכאמאָל איבערגעציילט אפּ די פינגער און עס איז געוואָרן, באַרעכ־האשעם, דרײַ מער.

— נײַן קינדער, זאָלן געזונט און שטארק זײַן.

— וויפל זין און וויפל טעכטער?

ער האָט נאָכאמאָל געציילט:

— פיר זין און פינף טעכטער.

— וויפל זין און וויפל טעכטער האָט איר אויסגעגעבן?

— דאָס דארפט איר אויך וויסן? זאָגט מיר פאָרט, נאָך וואָס?

— זאָג שוין, זאָג! — רופט דער אוילעם אומגעדולדיקער.

— דרײַ טעכטער און צוויי זין, — ענטפערט עמעץ פארן געפרעגטן.

— טאקע? — מאכט דער געפרעגטער. — און יִסראָליק?

— ער האָט דאָך נאָך נישט כאסענע געהאט?

— ביסט א פערד! מע רופט אים דעם שאבעס אופ! וואָס מאכט אוים אָנדערהאלבן וואָכן?

איך פארשרײַב און פרעג ווײַטער:

— געדינט אין מיליטער האָט איר?

— א באצאָלטער, 400 רובל! ווי נעם איך זיי הײַנט! — קרעכצט ער.

— און די זין?

— דער עלטערער האָט א גולע אונטערן רעכטן אויג, און איז, לוי־אלייכעם, נאָך א ביסל געברעכט... אָפּגעלעגן איז ער אין דרײַ שפיטעלער, געקאָסט האָט מער ווי א־כאסענע! און מע האָט אים קוים פון פאָלק אהיים געשיקט! דער צווייטער האָט א וויבאָר, דער דריטער דינט.

— און דאָס ווײַב?

— מינאַסטאָמ איז זי בא מיר! וואָס איז די שײַלע?

— זי האָט דאָך געקאָנט זײַן בא איר פּאָטער!

— א קאַפּצן!

— א הויז האָט איר?

— ווי דען!

— וויפל איז עס ווערט?

— עס זאָל שטײַן אין זאַמאָשץ, וואָלט עס ווערט געווען, הי איז עס נישט ווערט א דרײַער, טיליע[1] וואָס איך האָב א דירע.

— פאר 100 רובל וואָלט איר עס פארקויפט?

— כאַס־וועשאָלעמ! א נאַכלע?! פאר 300 אויך נישט. זעט איר — 500 רובל! מאַ! וואָלט איך מיר געדונגען א שטיבל, געמאַכט א שטיקל אײַסעק...

— און אזוי וואָס איז אײַער געשעפט?

— ווער האָט א געשעפט?

— פון וואָס לעבט איר?

— דאָס מיינט איר?! מע לעבט!

— פונוואַנען?

— פון האַשעמ־יִיסבאָרעך! אז ער גיט, האָט מען!

— ער ווארפט דאָך נישט פון הימל אראָפּ!

— ער ווארפט טאַקע! איך ווייס, פונוואַנען איך לעב? אָט, מאַכט א כעשבן: איך דארף א הוינ[2] — פיר רובל א וואָך אוואַדע! פון הויז האָב איך, אַכוץ מײַן דירע, א רובל צוועלף האַכנאָסע; גייט אראָפּ נײַן רובל פּאָדאַטעק, א פינף רובל אָפּ רעפּעראַציע[3], בלײַבט — א לאָך אין קעשענע אָפּ צוויי רובל א יאָר אוואַדע!

---

1 בלויז דאָס. 2 א פארמעגן. 3 רעמאָנט.

ער פאלט אריין אין גאדלעס:

— קיין געלט, בארעב־האשעם, האב איך נישט! נישט איך, נישט די אלע ייִדן, וואס שטייען דא, נישט אלע ייִדן! אויסער, עפשער, די דייטשן פון די גרויסע שטעט... מיר האבן נישט קיין געלט! קיין מעלאכע קאן איך נישט, מיין זיידע האט קיין שטיוול נישט געניית! פונדעסטוועגן, אז האשעם־יִסבאָרעך וויל, לעב איך; און לעב שוין אזוי א יאר עטלעכע פופציק! און דארף מען א קינד באסענע מאכן, מאכט מען באסענע, טאנצט מען אין דער בלאטע!

— האקלאל, וואס זענט איר?

— א ייִד!

— וואס טוט איר גאנצע טעג?

— איך לערן, איך דאוון... וואס טוט א ייִד?! אז איך עס אפ, גיי איך אין מארק אריין...

— וואס טוט איר אין מארק?

— וואס איך טו? וואס עס לאזט זיך! אט, נעכטן לעמאָשל, האב איך, דורכגייענדיק, געהערט, אז יוינע באריק וויל קויפן פון א פארעצס וועגן דריי טריקעס[1]; פארטאג בין איך שוין באם צווייטן פארעצ, וואס האט אמאל געזאגט, אז ער האט צופיל טריקעס! האב איך געמאכט מיט יוינע באריק יאכדאָוו[2], און האבן, בארעב־האשעם, פארדינט צו אנדערהאלבן קערבל־שטיק!

— זענט איר, הייסט עס, א מעקלער?

— איך ווייס? אמאל פאלט מיר איין, קויף איך גאר א קערצל טווּע!

— אמאל?

1 באראנעס. 2 געמיינט: שותפעס.

— וואָס הייסט אמאָל? אז איך האָב דאָס קערבל, קויף איך.
— און אז נישטו?
— שאפ איך מיר א קערבל!
— וויאזוי?
— ווי הייסט וויאזוי?

און עס דויערט א שטונדע, איידער איך ווער געוואָר, אז לייווי־יִצכאָק בערנפעלצ איז א שטיקל דייַען און זיצט אינ בוירערעס[1], א שטיק מעקלער, א כיילעק סויכער, א פיצל שאדכנ, אמאָל, פאלט אימ אייַנ, גייט ער גאָר אינ שעליכעס.

און פונ די אלע אויסגערעכנטע און פארגעסענע „מעלאָכעס“ פאַרדינט ער, כאָטש בעדויכעק־גאָדל[2], זייַנ ברויט פאר ווייַב־און־קינד! אפילע פאר דער אויסגעגעבענער טאָכטער, ווייַל איר שווער איז גאָר א קאפּצנ!

## XIII

## די צווייטע פּרווו

מע פירט מיך אינ א געוועלבל ארייַנ.

עטלעכע פּעקלעך זאפּאלקעס, עטלעכע פּודעלעך פּאפּיראָסנ; נאָדלענ, שפּילקעס, האָרנאָדלענ, קנעפּלעך, געלער, גרינער זייפּ! עטלעכע שטיקלעך היימיש־געמעלאָכעטער שמעקעדיקער זייפּ... א ביסל בסאָמימ און נאָך קלייניקייַטנ... א צושפּרינג: באמ טיש ליגט אנ אלטע סאָכע, דאָס איז שוינ א בייַגעשעפט.

— ווער ווינט דאָ? — פרעג איך.

— איר זעט דאָך! — ענטפערט מיר א יִדענע און קעמט ווייַטער א מיידעלע פונ א יאָר צענ, וואָס האָט דערווייַל אפּיר־

1 א דרייַ־געריכט; ארביטראוש. 2 שטארק געענגט; מיט גרויס שוועריקייַט.

געכאפּט דאָס קעפּל פון אונטערן קעמל און באקוקט מיט גרויסע פארכידעשטע אויגן דעם גוי, וואָס רעדט ייִדיש!

— לייגסט צוריק דעם קאָפּ! כצופּע! — שרײַט די מוטער.

— ווי הייסט אײַער מאַן? — פרעג איך.

— מוישע!

— אפן דײַטשן נאָמען?

— זײַן נאָמען זאָל אהיים קומען! — שילט זי פלוצעם. — פיר שאָ איז ער געגאנגען אָפּנעמען בא דער שכיינע א טעפּל.

— הער אוף צו פיסקעווען! — מאכט דער שאמעס, — זאָג, וואָס מע פרעגט דיך.

פאַרן שאמעס האָט זי מוירע, ער איז שאמעס און סאָלטיס[1] צוזאמען. ער נעמט צונויף די פּאָדאטקעס און איז, אכוץ דעם, א כאָשעוו באם וואָיט[2].

— ווער פיסקעוועט? ווען? וואָס? אפ מײַן מאן טאָר איך אויך קיין וואָרט נישט רעדן?

— ווי הייסט ער אפן דײַטשן נאָמען? — פרעג איך נאָכא־מאָל.

דער שאמעס אליין האָט זיך דערמאָנט און זאָגט מיר: „יונגפרייד“.

— וויפל קינדער האָט איר?

— איך בעט אײַך זייער, רעב קאָרעוו, קומט שפּעטער, ווען מײַן מאן וועט זײַן; דאָס איז זײַן זאך! גענוג, איך האָב אפ מײַן קאָפּ דאָס געוועלב מיט דער שטוב, מיט זעקס קינדער לאָבוסעס... טשעפּעט איר אײַך כאָטש אָפּ פון מיר!

איך פארשרײַב דערווײַל: זעקס קינדער, און פרעג, וויפל זי האָט פון זיי אויסגעגעבן.

---

1 א סטאראָסטע אין דאָרף. 2 א סטאראָסטע פון עטלעכע דערפער.

— אויסגעגעבן! האלעווײַ וואָלט איך אויסגעגעבן, וואָלטן מיר ווייניקער גרויע האָר געוואַקסן! ס'וואַקסט ביזן גרויען צאָפּ אַרײַן.

— איר האָט סאַמע מיידלעך?

— דרײַ יונגען אויך!

— וואָס טוען זיי?

— וואָס זאָלן זיי טאָן? צאָרעס טוען זיי מיר אָן! זיי האָבן אָפּגעגעסן מײַלער!

— פאַרוואָס לערנט איר זיי נישט קיין מעלאָכע?

זי פאַרציט די נאָז, וואַרפט א בייזן בליק און וויל מער נישט ענטפערן.

איך פאַל אָפּ א האַמצאָע, קויף בא איר א פּעקל פּאַפּיראָסן, זי ווערט א ביסל בעסער אָפּן פּאָנעם, און איך פרעג:

— וויפל פאַרדינט אײַער מאַן?

— ער? ער פאַרדינט! מ'קאָן זיך דען מיט אים באַהעלפן, נאָך א טעפּל צו א שכײנע שיקן? אָסער כאַזער, ער זאַמט שוין פיר שאָ! איך וועל דען עסן הײַנט וואַרעמעס דורך אים?

זי איז ווײַטער אַרײַן אין אַזאַרט. איך האָב געמוזט אָפּטרעטן און כאַפּן דעם מאַן אין גאַס; איך האָב אים דערקענט, ער האָט געטראָגן א טעפּל!

## XIV

## אין שויכעטס הויז

פון שויכעטס הײַזל לויפן מיר אַקעגן פאַרשיידענע געמיש־טע קוילעס. א גיבער א האָן שרײַט זײַן קוקוריקו מיט געײַוועו, גלײַך עס וואָלט קיין כאַלעף אָפּ דער וועלט נישט געווען. טרויע־ריק דאַגעגן מעקט א צוגעבונדן קעלבל; עס לײַדט, אַפּאָנעם,

הונגער... פאר דאָס, צווישנ די לאַטעס, אונטערנ הויכנ, געלעכערטנ דאכ, טשיפּטשענ הונדערטער פייגל, — זיי האָבנ פליגל אונ לאכנ אויסנ שויכעט! זומער איז, די לופט איז פול ווערעמלעכ; מענטשנ, אפילע די אָרעמסטע, די קארגסטע, לאָזנ איבער די קרישקעלעכ... טשיפ-טשיפ-טשיפ, טשיפ-טשיפ-טשיפ! אויסגעבעט איז די נעסט; אויסגעצירט מיט גלאנצנדיקע פארבנ דער „ע ר“, סקראָמנע אונ שטיל די „ז י“, אונ די קינדערלעכ זענענ זאט! עס איז זיי ווארעמ אונ — אינ ערגעצ נישט פארשריבנ...

פרעגט זיי אָבער בעכיירעם, וואָס מענ מיינט „מום בקדשים“[1]? מיט ד ע ר שײַלע באשעפטיקנ זיכ צוויי יונגעלײַט, באָרוועסע, אינ יארמעלקעס, אויסגעטאָנ ביז די טאַליסים-קטאַנים[2].

די יונגעלײַט זענענ נאָר פאָסל צו רעווידירנ פאטענטנ, סכוירע אפ דער קאמער, אָבער קעלבער צומ מיזבייעכ — פראנק-אונ-פריי.

ווענ גאָט האָט די וועלט צעטיילט: דער פויער האָט זיכ גענומענ די ערד, דער פישער — דעמ טײַכ, דער יעגער — דעמ וואלד, דער גערטנער — די פרוכט-ביימער, דער סויכער — די מאָס אונ די וואָג, אונ אזוי ווײַטער, האָט דער פאָעט געווײַלט אינ א וועלדל. די נאכטיגאל האָט אימ געטרילערט, די ביימער — אײַנגערוימט אלערליי וואלד-קלאטשערײַענ... אונ די אויגנ, די פאָעטישע אויגנ האָבנ זיכ נישט געקאָנט אָפּרײַסנ פונ דער ווּעשנס קנ:ענ באמ טײַכ אונ פונ דער ק:אנקע[3] אינ אירע הענט, אונ ער האָט אלצ פארשפעטיקט! אז ער איז געקומענ, איז שוינ די וועלט פארטיילט געווענ. בא גאָט איז פונ-זײַנעטוועגנ מער נישט געבליבנ ווי — וואָלקנ, רעגנבויגנ, ראָסע אונ זומער-פייגל.

1 מ ו ם  ב ע ק אָ ד אָ ש י מ — די באהאנדלונג אינ טאלמוד וועגנ דעמ, בא וואָס פאר א פעלער טאָר מענ די קאלב נית ברענגענ פאר א קאָרבנ.
2 טאלעס-קאָטנס. 3 א פראטש.

צוריקצוּוועגס האָט ער אפילע שוין די וועשן נישט געטראָפן, זי האָט זיך געשטעלט ערגעץ פאר אן אָמ...

— האָסט פאנטאזיע, באשאפ דיר וועלטן אליין! — האָט אים גאָט געזאָגט!

און מע האָט מעקאנען געוויזן דעם פּאָעט. זײַן וועלט איז די בעסטע! דער פּויער באארבעט זײַן ערד מיט נויט און שווייס. דער פישער גייט אויך נישט ליידיק, ווינטער דורכצוברעכן אײַז איז נישט קיין גוטע זאך. דער יעגער ווערט מיד פון לויפן און יאָגן. פון וואלד-עפּל מאכן זיך „פאנעס". נישט אזוי גרינג!.. דער סויכער אפילע מוז עפּעס טאָן, כאָטש פעלשן מאָס און וואָג, — אנישט שטארבט ער פאר הונגער. איין פּאָעט, וואָס ליגט אפן בויך און שאפט זיך וועלטן!

עס איז אָבער א טאָעס געווען. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אז זײַן נעשאָמע איז גאָר א קאמערא-אָבסקורא, און די גרויסע וועלט מיט אירע גרויסע בלאָטעס, און מיט די כאזיירים אין די בלאָטעס פאָטאָגראפירן זיך אָפּ אין איר! קאָלזמאן דער כאזער ווייסט זײַן אָרט, איז נאָך צו דערלײַדן! קוים אָבער זעצט ער זיך אויבנאָן... ווערט דעם פּאָעטס וועלט אויך כאזעריש ווי אונדזערע...

מעקאנען צו זײַן בלײַבט נאָר אונדזערע יונגעלײַט: דעם שויכעטס זון מיטן שויכעטס איידעם. אין דער וועלט פון „מום בקדשים" שלאָגט זיך אונדזער וועלט מיט די כאזיירים אירע נישט אָפּ, צווישן זייער וועלט און אונדזער וועלט איז גאָר קיין שײַכעס, קיין בריק, קיין צוזאמענהאנג נישטאָ.

און דעריבער, אז איך בין געקומען פון אונדזער וועלט אפ יענע וועלט, ווערן די געמאָרעס פארמאכט, און אפ יונגע פענעמער האָט זיך באוויזן שרעק און ווונדער, גלײַך זיי וואָלטן דערזען עמעצן פון אן אנדער וועלט.

דער שויכעט איז נישט אינ דער היימ. ער איז געגאנגענ אינ דאָרפ אריַינ — דעריבער בלעקט נאָכ דאָס קאלב אינ הויז. די שויכעטקע האָט איר שניט-קרעמל.

די שנור אונ א טאָכטער שטייענ באמ קוימענ דריַיפאכיק רויט, ערשטנס, פאר נאכעס פונ די מענער מיט זייער טוירע; צווייטנס, פונ דעמ קנאקנדיקנ פיַיער; אונ דריטנס, פאר בושע פאר א פרעמדנ מאנספארשוינ, אונ א דיַיטש דערצו. איינע האָט געכאפט א שפיץ פארטעכ אינ מויל אריַינ, די צווייטע האָט זיכ אָפּגערוקט, גליַיכ זי וואָלט אויסגעגאנגענ קרושע; ביידע קוקנ אפ מיר פארווּנדערט פונ אונטער קורצע שטערנ אונטער האָרבענדלעכ פונ געפלאָכטענע פעדעמ.

די יונגעליַיט זענענ דאָכ באלד צו זיכ געקומענ. זיי האָבנ שוינ געהערט פונעמ „פארשריַיבער", געשטויסנ זיכ, אז איכ בינ עס!

דאָס פארשריַיבנ גייט צו געשווינד.

דער שויכעט נעמט פיר רובל א וואָכ, אכוצ וואָס ער פארדינט אינ דאָרפ; ווענ נישט שכיטאס-כוצ[1], וואָלט ער גאָר געלויכטנ. דאָס געוועלבל מאכט ווייניק, דאָכ — א בארער שטענדיקער גראָשנ, פארנאָסע, באָרעכ-האשעמ, איז דאָ! די קינדער זענענ פארזאָרגט: ביז הונדערט יאָר עסנ זיי קעסט; פלייש באמ שויכעט פעלט נישט! א י ב ע ר הונדערט אונ צוואנציק יאָר וועלנ זיי נעמענ יערושע; איינער — די כאזאָקע אפ שכיטע, דער צווייטער — דאָס געוועלבל. דאָס היַיזל וועט בליַיבנ בעשומפעם!

זיי זעענ בעסער אויס, ווי אלע אינ שטעטל. בעסער פאר

1 אריַינגעפירט פלייש — ניט פונ דער אָרטיקער שכיטע.

סאָכרים, באַלעבאַטים, באַלמעלאָכעס... אפילע פאַר די שענקער מיטן פעלדשער צוזאַמען.

עס וועט נאָך קומען אַ צײַט, — טראַכט איך אַרויסגייענדיק, — ווען מעלאַמדעס אפילע וועט זײַן איינע פון די בעסטע פּאַרנאָסעס...

עס איז דאָך נישט אַזוי שלעכט, ווי מע מיינט. אַכוץ ראַבאָנעס, שכיטע, שאַמאָסעס און מעלאַמדעס איז דאָ נאָך אַ גוטע פּאַרנאָסע.

באַם שויכעט אין הויז וווינט אַ „קאָמאָרניצאַ"; זי צאָלט פופצן רובל אַ יאָר. די טיר איז צוגעשלאָסן. דורכן פענצטער, וואָס גייט אין גאַס אַרײַן, זע איך דאָך אַ גאַנץ שיין שטיבל. צוויי הויכ־פאַרבעטע בעטן מיט ווײַסע קישנס, הילצערנע רויט־געפאַרבטע קליי־באַנס, אַף דער וואַנט, נעבן קוימען, הענגען קופּערנע קיילים, עס בלאַנקט אַ מעשענער הענגל־לײַכטער. דאָס שטיבל איז פול מיט ראַכוועס און באַלעבאַטישקײַט.

— זי האָט זילבער אויך, — זאָגט מען מיר, — איך זע אַ גרויסן קאַסטן מיט מעש־בלעך באַשלאָגן; דאָרט מוזן זײַן בענטש־לײַכטער, עפּשער צירונג אויך.

— וואָס קלערט איר, — זאָגט מען, — זי האָט אַ מאַטמענ מיט געלט; דאָס גאַנצע שטעטל ליגט באַ איר אין קעשענע! זי איז אַן אַלמאָנע מיט דרײַ יעסוימים. אַ גאַנצע וואָך איז די דירע געשלאָסן, ווײַל זי קומט אַהיים מישאַבעס לעשאַבעס, אויסער שאַבעס כאַזאָנ[1]. אַ גאַנצע וואָך איז זי אין די סוויוועס און בעטלט מיט אַלע דרײַ קינדער.

---

1 דער שאַבעס, וואָס פאַר טישעבאָוו. רעליגיעזע ייִדן זאָגן זיך אָפּ אין דעם שאַבעס פון פאַרגעניגנס.

# XV

## די סקולער רעבעצנ

„עסטער־האמאלקע איז געוועזנ גרינ, נאָר א פּאָדעמ לייט־זעליקייט איז איר געוועזנ אויסגעגאָסנ אפנ פּאָנעמ". עסטער, די סקולער רעבעצנ איז אויכ גרינ; אָבער נישט איינ פּאָדעמ כע־סעד, נאָר א גאנצ בונט לייטזעליקע שטראלנ ליגט אפּ איר פּאָנעמ. אנ אלטע יידענע, א דארע; דאָס קעפּל איבערגעצויגנ מיט אנ איינגעשרומפּענעמ דינ־רויזיקנ הייטל, הוידעט זיכ ווי א האָדאָר[1] אנ עסרעג איבערנ רויטנ ברוסט־טיכל, נאָר דער עסרעג האָט צוויי ערנסט־גוטע אויגנ!

זי איז א היגע געבוירענע, ווינט איינע אליינ. אלע קינדער האָט זי אויסגעגעבנ אינ פארשיידענע שטעט ארייַנ; נאָר זיינ בא זיי וויל זי ניט מיקאמאָ־טייַמימ: פאר שנירנ אונ איידעמס קאָנ מענ נישט אָרעוו זיינ; אונ א מאנ האלט פארנ ווייַב, א ווייַב — פארנ מאנ (נישט אומזיסט זאָגט די הייליקע טוירע: „על כן יעזוב"[2]: עס ווערט טאקע איינג פלייש). וויל זי זיי נישט מייַוויר זיינ אפּ „קיבעד־איימ". דאָס איז אנ עמעסער: „לפני עור לא תתן מכשול"[3].

— גאָט, באָרוכ־הו, — זאָגט זי, — האָט אומישנע באשאפנ אזוי דעמ מענטש, אז ער זאָל ניט זענ דעמ נאָענטסטנס פעלער, אנישט וואָלט געוועזנ אזויפיל געטנ ווי קסובעס!

צווייטנס, האָט דער סקולער ראָוו נישט איינ מאָל געזאָגט, אז אנ אלמאָנע, וואָס קומט אָנ צו אירע קינדער, איז א טאָפּעלע

---

1 א שיינקייט. 2 אל קיינ יאאזוייוו — דער אָנהייב פונ א פראזע אינ דער ביבל: דעריבער פארלאָזט א מאנ זיינ פאָטער אונ מוטער, באהעפט זיכ מיט דער פרוי, אונ זיי ווערנ איינ לייב. 3 ליפני איוור לוי סיטיינ מיכשויל — פאר א בלינדנ לייג ניט קיינ שטרויכלונג.

אגונע, און — „דעם סקולער ראָווס ווערטער דארף מען איינ־פאסן אין גאָלד און טראָגן אפן האלדז פאר אן אויבל[1]!“

— עמעס, — זאָגט זי מיט א שטילן זיפצ, — היינט טראָגט מען שוין ניט קיין אויבל, פאלשע פערל זענען שענער!

אין סקול האָט זי נישט געקאָנט בלייבן. זייט דער סקולער ראָוו, איר מאַן, אָלעוו-האשאָלעם, איז געשטאָרבן, איז איר די שטאָט נימעס-אומאָעס געוואָרן.

— טאקע, — זאָגט זי, — פּנה הודה, פּנה זיוה, פּנה הדרה[2].

זי פאָרט אהין איין מאָל אין יאָר, אפ דער יאָרצייט, נאָר זי קאָן דאָרט נישט לאנג אופהאלטן — „א פוסטקע געוואָרן!“

פערציק יאָר האָט זי געוווינט מיטן סקולער ראָוו. די, וואָס האָבן אים געקענט זאָגן, אז זי איז געוואָרן ער אויסן אויג.

— ער איז געוועזן — ער זאָל מיר עס מויכל זיין! — א מיסנאגעד; האלט זי נישט פון גוטע-יידן. זיין „אווידע“ איז געווען תורה פשוט — „נגלה“[3]. זיצט זי שטענדיק באם „צענאָ־אורענאָ“, אָדער לערנט דעם שולכן-אָרעכ[4] אפ איוורע-טייטש! אלע צוויי ווערטער פארופט זי זיך אפן סקולער ראָוו, און — זיין קאָל, זיינע טנועס, זיינע מינהאָגים...

נאָכ דעם סקולער ראָווס קידעש און האוודאָלע וויל זי קיין אנדערנס בראָכעס נישט הערן; מאכט זי זיך אליין קידעש-ווע־האוודאָלע איבער כאלעס אָדער ראָזשינקע-וויין. און איר קידעש איז זיין קידעש אויסן אויג; דער אייגענער שטילער, באלעבאטישער ניגן, מיט דער אייגענער מעסיקעס[5].

---

1 מעדאל. 2 פּאָנאָ הוידאָ, פּאָנאָ זיוואָ, פּאָנאָ האדאָראָ — ס'איז אוועק איר פראכט, ס'איז אוועק איר גלאנצ, ס'איז אוועק איר שיינקייט. 3 טוירא פּאָשוט — „ניגלע“ — די טוירע ווי זי איז, אָן מיסטישע אויס־טייטשונגען. 4 א זאמלונג פון יידישע רעליגיעזע געזעצן. 5 זיסקייט.

זי עסט „גלאַט קאָשער” אונ איז א גרויסע מעלומעדעס[1].

זי קאָנ אוואַדע שײַלעס פּאַסקענענ אויכ! זי איז אוואַדע געשטאַנענ פערציק יאָר דורכאַנאַנד באַמ קוימענ, איבערגעדרייט מיטנ גוטנ פּאָנעמ צומ טיש, ווו דער מאַנ איז געזעסנ אונ גע־לערנט; מיט די טויבנ־אויגנ האָט זי אײַנגעזאַפּט יעדע טנוע זײַנע, מיט די האַלב־באַהאַלטענע אויערנ אונטערנ שטערנ־טיכל — זײַנ יעדעס וואָרט... זי איז געווענ אַנ עמעסער „עזר כנגדו”[2]. זײַנ יעדער געדאַנק האָט זיכ דעריבער אָפּגעשלאָגנ אינ איר מויעכ אונ זײַנ גוטסקײַט אינ איר האַרצ.

א טײַכ ליגט שוינ הונדערטער יאָר אינ אַנ אַנדער געלעגער, אונ אַלע באַוועגונגענ פונ זײַנע פּאַליעס זענענ נאָכ אויסגעקריצט אַפנ פעלדזנ פונ איבער דעמ ערשטנ געלעגער. דעמ סקולער ראָווּמ לעבנ האָט געקאָנט רוּיִקער זײַנ פונ א טײַכ, נאָר די רע־בעצנ איז פאַר אימ קיינ פעלדזנ ניט געווענ. גיכער א שוואָמ, וואָס האָט אינ זיכ אַלצ אַרײַנגעצויגנ.

פונ דער הײַנטיקער וועלט איז זי נישט צופרידנ. „נישט פרומ, — זאָל זיכ דער ריבוינע־שעל־אוילעמ זאָרגנ... אַז זײַנע ייִדעלעכ פירנ זיכ אַזוי, מינאַסטאַמ וויל ער אַזוי... נאָר — אָנ א טאַבלעס; די טײַערסטע שטאָפנ זענענ שפּינוועבס, אויכ גייט מענ נישט ווי אַמאָל, פריִער צעשנײַדט מענ אַפ קלינעס!”

— פונ קיינ פּאָרויכעס וועל איכ שוינ נישט רעדנ, נאָר מע קאָנ אַפילע קיינ קינד קיינ בענעד דערפונ נישט מאַכנ. די פאַר־צײַטישע אויבלענ ווערנ אַלעמאָל טײַערער, א שטערנ־טיכל האָט אַנ אייביקנ ווערט, אַפילע פונ א ברוסט־טוכ קאָנ מענ אויסטעפּנ די פּעדעמ אַפ זילבער אונ גאָלד, נאָר פונ פאַלשע פּערל אונ דזשיעטנ קאָנ מענ שוינ גאָרנישט מאַכנ.

1 א קענערנ פונ די רעליגיעזע געזעצנ. 2 אייזער קענעגדוי — אימ א הילפ.

— און, גלייבט מיר, אז ס'איז א סאך מיעסער, אלקאָלפּאָ־נעם — אין מײַנע אויגן!

קיין סינע טראָגט זי דאָך קיינעם נישט נאָך.

— מײַן מאַן, דער סקולער ראָוו, זיכרוינוי ליווראָכאָ, איז א מיסנאַגעד געווען און קיינמאָל נישט געדרוידעפּט קיין כסי־דים, — כאָס־ווּעשאָלעם!

זי געדענקט, אז די באלעבאטים זענען אמאָל געקומען שרײַען, אז מע איז אויווער זמאַן־קרישמע[1] — האָט זי געהערט פון זײַן אייגן „פּע־קאָדעש" אזא טשוווע: עס זענען פאראַנען, — האָט ער זיי געזאָגט, — פארשיידענע כאיאָלעם, האָבן זיי פאר־שיידן קלייזאין, אנדערע מינהאָגים, נאָר אלע דינען איין מאַלכוס. אפילע שטיוול, — האָט ער צוגעגעבן מיט זײַן שמייכעלע, — מאכט מען אויך נישט אף איין קאָפּעטע.

זי געדענקט אלע זײַנע ווערטלעך און פירט זיך לויט זײַנע דייעס.

ער פלעגט זיך שטארק בייזערן, אויב א באלמעלאָכע האָט זיך פאר אים אופגעשטעלט; ער האָט שטארק געהאלטן פון א נהנה מיגיע כפּו[2]! און דעריבער, אז זי איז אהער געקומען מיט אירע עטלעכע הונדערט גילדן, האָט זי זיך באלד פארלייגט א פאבריקל פון פּאָטאַש.

— א ייִדענע, — זאָגט זי, — איז נישט פּאָטער פון דעם; עס איז נישט קיין „מצות עשה שהזמן גרמא"[3]. דערנאָך האָט מען איר די פּאָר זעהוּוויט באהאלטן, און זי איז געבליבן באם פּאָטאַש אליין.

---

1 געמיינט: מע לאָזט דורך די צײַט פון דאַווענען. 2 נעהענע מיגיע כאפּוי — א מענטש, וואָס לעבט פון זײַן מי. 3 מיצוואס־אסיי (עסע) שעהאזמאַן גערמאָ — א געבאָט, וואָס איז אָפּהענגיק פון דער צײַט.

—עס וואָלט, — זאָגט זי מיר, — קיין שלעכטער מיסכער נישט געווען, איך לייז, באַרעכ-האַשעם... פֿאַר יאָמטויווים אַפּילע צוויי—דרײַ רובל אַ וואָך! וואָרעם, געלויבט איז זײַן ליבער נאָמען, מײַן פֿאָטאַש האָט אַ שעם אין די סוויוועס, נאָר הײַנטיקע צײַטן, אַלץ גײט אַף באַרג... ווערט מיר אַמאָל פֿאַרפֿאַלן.

איך קוק מיך אום אין אַלע זײַטן; איך זע נישט קיין קיילים, קיין זאַכן צו דער מעלאָכע.

— דערצו, — גיט זי מיר צו פֿאַרשטיין, — דאַרף מען גאָרנישט; מע נעמט אַ ביסל זאָלע (אַש פֿון קוימען), קאַרטאָפֿל און אַנדערע געוויקסן, מע צעאַרבעט אין וואַסער, לאָזט אויספֿאַרען, און מע שטעלט אויספֿרייען צום קוימען. פֿון דעם קומט אַרויס אומרייניער פֿאָטאַש: און — אַז מע טוט נאָכאַמאָל דאָס אייגענע, ווערט שוין דערפֿון „ליטער“, דאָס הייסט, רייניער פֿאָטאַש!

באַ מײַן אוועקגיין פֿרעגט זי מיך אַ ביסל פֿאַרשעמט און באַזאָרגט:

— זאָגט נאָר, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, און אַז אײַערע קסאָווים וועלן קומען אין די גרויסע הענט אַרײַן, וועט מען מיך נישט הייסן נעמען אַ פּאַטענט?

## XVI

## אַסעקורירט

אַ רויִק-שטילע זומער-נאַכט. אין עק הימל שוואַרצט זיך דאָס באַרימטע וועלדל; אַף זײַנע ביימער האָבן עס אונדזערע עלטערן אויסגעשניטן די מעסיכטעס[1], אַף וועלכע זיי האָבן גע-

---

1 טראַקטאַטן פֿון טאַלמוד.

מאכט א סיִעמ[1] אינ וועג. דאָ נישט ווײַט האָבנ זיי זיכ אָפּגעשטעלט. דער „ראש הגולה“[2] האָט געזאָגט: פּה לינ[3]! אונ פונ דעמלט אָנ הייסט דאָס לאנד פוילנ! די אומעס-האָוילעמ קאָנענ אָבער נישט אויסלייגנ!

אויכ האָט דאָס וועלדל א קורצנ וועג קיינ יערושאָלאיִמ. אונ — עס איז געוועזנ אמאָל א ציג, בא איינעמ פונ די לאמעד-וואָוו[4] צאדיקימ, אונ די ציג האָט געקענט דעמ וועג; זי פלעגט אלע פארטאָג לויפנ זיכ פאשענ צומ האר-האבאיִס[5] אונ צוריקומענ מיט דרײַ טעפ מילכ פארנ צאדיקס וועגנ.

רעכטס פונעמ וואלד, בא א טײַכל, ליגט דאָס שטעטל. עס איז געטיילט אפ צוויי כאלאָקימ. איינ כיילעק איז א לאנגע שנור — א גראָדע, ברוקירטע גאס מיט געמויערטע הײַזער, אונטער בלעכענע דעכער, — סאמע גאשמיִעס[6], צוגעקאָוועט צו דער ערד מיט פונדאמענטנ. די אײַנוווינער פונ דער גאס זענענ זיכער, אז זיי וועלנ דאָ לעבנ אונ שטארבנ; אז ווענ עס זאָלנ קומענ אלע ווינטנ פונ דער וועלט, וועלנ זיי זיי נישט רירנ פונעמ אָרט.

דערנאָכ גייט ערשט דאָס צווייטע טייל. גאָר אנ אנדערע וועלט; סאמע רוכניִעס[7]: לײַכטע הינערנע הײַזער, דורכויס סאָסנע אונ שטרוי, זעלטנ א שינדל-דאכ. עס בלאָזט א קליינ ווינטל — וועיינענ[8]... צי האָפנ די אײַנוווינער צו געפינענ דעמ קורצנ וועג אונ זוכנ, ווי די אומשטערבלעכע ציג, דעמ האר-האבאיִס, אָדער זיי שפעקולירנ אפ פײַער-קאסע?

1 פארענדיקט לערנענ א טראקטאט פונ טאלמוד. 2 ר אָ ש ה א ג ו י ל אָ — דער אָנפירער פונ די יידנ אינ גאָלעס. 3 פ ו י ל י נ — דאָ נעכטיק איבער. 4 זעקס אונ דרײַסיק. 5 דער בארג (אינ יערושאָלאיִמ), אפ וועלכנ עס איז געשטאנענ דער בייס-האמיקדעש (פארצײַטיקער יידישער טעמפל). 6 קערפערלעכקײַטנ; מאטעריִעלקײַט. 7 גײַסטיקײַט. 8 אונ עס איז ניטאָ; אונ עס בלײַבט ניט.

און ווי ענלעך די הײַזלעך זענען צו די אײַנוווינער! אויך שמאָל-ברוסטיקע, פאַרטונקלטע פענצטער-אויגן, אײַנגעהויקערט אונטער א פאַרוקטן שטרויענעם ספּאָדעק[1].

פון די סוקעס קרייען ארוים העגער, קוואָקען הינער און געגדז געגגען. פון זומפּ, וואָס לעקט מיט שיווים-לעשוינוים[2] די שוועלן, קוואָקען באַלעבאַטיש די פרעש. נישט זעלטן מישט זיך אַרײַן א ייִדיש קעלבל מיט א בלעק, און א גויִישער הונט ענט-פערט אים פון דער לאַנגער גאַס.

באַלד אינדערפרי וועל איך אָנהייבן פאַרשרײַבן.

איך ווייס פריִער, וואָס עס וועט זײַן: אויב נישט 36 רובל א יאָר, וועט אַרוים 33 און 32... איך וועל געפינען א סאַך מעלאָ-כעס און ווייניק בראָכעס; פאַבריקן פון פאָטאַש, א סאַך ליידי-קע שטובן... דער שאַמעס וועט מיר אויסרעכענען: ע ר איז א לויפער, זי — א פּשעקופּקע; צוויי מיידלעך דינען, אין לובלין, אין זאַמאָשטש... איין באָכער איז א בעלפער, דער אַנדערער דינט, און די שנור מיט 3—4—5 קינדער איז אַהיים געפאָרן צו איר פאָטער-און-מוטער...

איך וועל טרעפן פאַרלאָזטע קינדער, וואָס באָדן זיך צוזא-מען מיט געגדז און ענטן אין עק זומפּ; פיצלעך-דרויב, וואָס רײַסט זיך די העלדזלעך — אין וויג. קראַנקע אָן הילף אין די בעטן, קעסט-קינדער בא געמאָרעס, יונגע ווײַבלעך אין פעלענע שײַטלעך מ י ט בושע און אָ נ בושע... קוים מאַך איך צו די אויגן, שווימען פאַר מיר דורך סאַמע מאַטע, גרינע, בלאַסע, פאַר-קרימטע צורעס. זעלטן איינע שמייכלט. זעלטן איינע מיט א כיין-גריבל... אלע מענער אַזוי ווייניק מעניש, אַזוי גוילעמעוואַ-טע... ווײַבלעך מיט פאַרטריפטע אויגן, טראָגנדיק — א מולטער

1 אַן אַלטמאָדיש היטל. 2 אַפּ זיבעציק שפּראַכן.

אויבם, א זאק ציבעלעס, אָדער א פרישנ „אטאָ־בעכארטאָנו"[1] מיט א זאק ציבעלעס צוזאמענ, — איכ וויים פאָרוים, אז איכ וועל טרעפנ א טרייפענע שענק, צוויי — דריי פערדס־גאנאָווים, אונ מער ווי צוויי — דריי פאסירער...

נאָר וואָס וועט זײַנ פונ דער סטאטיסטיק? צי קאָנ זי ענט־פערנ אפ דער פראגע: אפ וויפל ליידיקע מאָגנ, ליידיקע צײַנ; אפ וויפל מענטשנ, וואָס א שטיקל דאר ברויט ציט זיי די אויגנ ווי מיט צוואנגענ אוים די לעכער ארוים; אפ וויפל מענטשנ, וואָס זענענ בעעמעס געשטאָרבנ פאר הונגער, עס פאלט אוים א טרייפענע שענק, א גאנעוו אונ א פערדס־גאנעוו?

די געלערנטע מעדיצינ האָט ערפונדנ א מאשינ, וואָס פאר־שרײַבט דעמ דויפעק, דאָס הארצ־קלאפנ; די נארישע סטאטיס־טיק שפילט זיכ מיט ציפערנ.

צי ווייסט זי, וויפל מאָל אונ — יעדעס מאָל — ווי טיף אונ ווי שטארק דאָס הארצ האָט געקלעמט בא א הישפאנישנ מעיו־בעסעם איינקל, דעמ תבואת שור'ס[2] א זונ, אָדער אזוי א באלעבאָס, איידער ער האָט דאָס ערשטע מאָל אָפגעטאָנ, וואָס נישט רעכט איז? אונ ווי לאנג עס האָט דערנאָכטנ געבלוטיקט? צי ציילט זי כאָטש די פריִער אונ שפעטער נישט געשלאָפענע נעכט? צי רעכנט זי, וויפל טעג הונגער, וויפל מאָל די קינדער האָבנ זיכ געוואָרפנ אינ קראמפ, וויפל מאָל די הענט אונ פים האָט געוואָרפנ דאָס פיבער באמ ערשטנ אָנגיסנ א גלעזל בראָנפנ אָנ א פאטענט?

אינ דער ליידיקער לופט שווימענ פאר מיר ארוים געלע,

---

1 דאָ געמיינט: א פריש יידעלע, א פריש געבוירנ קינד. 2 ט ו ו ו א ס־ש ו י ר — א נאָמענ פונ א רעליגיעזנ סייפער. דאָ ווערט געמיינט דער אווטאָר פונ „תבואת שור" — עפראַים־זאלמענ שאָר.

דרײַ זײַנענ געשטאָרבנ אָנ א דאָקטער, אָנ א רעצעפּט; דאָס פערטע האָב איכ שוינ געמוזט ראטעווענ.

בלאַסע און בלויע פּענעמער, און ברוין־בלויע פאַרברענטע ליפּן ליספּעלן[1]:

— פיר און צוואַנציק טעג איז אַפ מײַנע קוימען קיין פײַער נישט געווען.

— צען טעג דורכאַנאַנד האָבן מיר געגעסן שאָלן פון קאַרטאָפל.

— דרײַ זענען געשטאָרבן אָן א דאָקטער, אָן א רעצעפּט; דאָס פערטע האָב איך שוין געמוזט ראַטעווען.

די הייזעריקע ווערטער שנײַדן מיר דאָס האַרץ, ווי א שטומפּיק מעסער; איך אַנטלויף פון פענצטער, בא וועלכן איך בין געשטאַנען; אָבער די שטוב איז פול מיט געשפּענסטער.

באַם אויוון שטייט א רויטער יִיד, אַן אָנגעפּרעסענער.

— כי, כי! — לאַכט ער, — גאַנווענען, קויפן א גנייווע? אויך א געשעפט! לעכאָל־האַפּאָכעס א כוידעש זיצן! — און א כוידעש וואָלט איך העזעק געהאַט א מאַטמען... אַפ מיר וועלן אַלע פּריצים איידעס זאָגן... ערלעכ! ערלעכ!

דאָס קאָל איז נאָך ערגער; עס זעגט... איך וואַרף מיך אַפן בעט, איך פאַרמאַך די אויגן, און עס באַווײַזט זיך מיר די אַלטע גוטע סקולער רעבעצן.

— אָבער, — מאַכט זי מיט איר קינדיש זילבערן קאָל, — אָבער, אַז אויב נאָך אַלעס, וועט זיך אויסווײַזן נישקאָשעדיק, וועסטו, קינד מײַנס, זאָגן פּיירעק: ועמך כלם צדקים[2]?..

עס דאַכט זיך מיר, אַז אירע בלויע, גוטע, טויבענע אויגן גלעטן מײַנע הייסן שטערן מיט פאַרקישעפט־ליכטיק־זיסע, לײַטזעליקע שטראַלן.

אונטער די אויגן בין איך אײַנגעשלאָפן, און ביידע מאַלאָ־

---

1 שעפּטשען. 2 ו ו ע א מ כ אָ ק ו לאָ מ צ א ד י ק י מ — און דײַן פאָלק זײַנע אַלע צאַדיקים.

כים, דער יעיצער־טאָוו מיטן יעיצער־האָרע, האָבן זיך מיר גע־כאָלעמט. איך האָב זיי געזען, ווי זיי פליִען אראָפּ פארטאָג פון הימל, איינגעהילט אין א רויזיקן לייכטן נעפל.

דער יעיצער־האָרע האָט געטראָגן אין איין האנט — א בלוי פּאפּיר מיט א גרוים שווארץ אויג אין דער הייך, פון דער לינ־קער זייט — אן אקט, אוואדע אפּ א הויז, עפּשער א גוט... טייערע קליידער, אכוצ שטריימלעך, קאפּטאנעס מיט סטראָקעס, זיידענע גארטלען, ווי אויך צילינדער און פּרעק, ווי פּאר איי־נעם. אויך: שטערן־טיכלעך, אויבלען, ברוסט־טיכער פון גינ־גאָלד, העלדזער־פּערל. ווי אויך — זיידענע און אטלעסענע שלעפּן פון אלערליי קאָלירן, — דאָס אלץ אין איין האנט, און אין דער צווייטער שאָלן פון קארטאָפל...

דער יעיצער־טאָוו — נאקעט און בלויז, אָן קליידער און אָן קיילים, אזוי ווי גאָט האָט אים באשאפן...

ביידע פליִען. עס דאכט זיך מיר, דער יעיצער־טאָוו וויל מיר עפּעס זאָגן, ער עפנט דאָס מיילעכל... אָבער נישט זיין קאָל וועקט מיך אויף, נאָר א ווילד געשריי: עס ברענט! איך שפּרינג אויף, א סרייפע פונקט קעגניבער!

א פייערדיקע צונג שטרעקט זיך אויס צו מיר, און זי, דאכט זיך, זאָגט:

— שרעק נישט.... אפּיקורירט!

## XVII

## דער ניסרעפּ

די פייערדיקע צונג האָט מיר ארויסגעשטרעקט רעב כאַיִמ'ס ווייצענזאנגס הויז. וואָס אמאָל ווערט די צונג גרעסער, דאָס הויז קלענער, ביז עס איז אינגאנצן איינגעפאלן אין א יאָם פון יעלאָ־לעס און געשריי פאר שרעק.

צום גליק, איז קיין ווינט בעשאס סרייפע נישט געווען.

אז פון הינטערן באָד איז ארוים די זון, רויט־כיינעוודיק, ווי א יונגע צאדייקעס נאָכ טווילע[1], האָט זי שוין מער נישט געזען, ווי שווארצע, לאנגע מענער־קעפּ מיט שטעקעלעכ צווישן די גלאָוניעס. זיי זוכן „שיראַים" פון ווייצענזאַנגס אשירעס צווישן די „שיראַים" פון ווייצענזאַנגס הויז.

ארום הײַזל שטייען שוין רעדלעכ געלע ווײַבער, זיי האלטן זיכ צו מיט די „אָפּגעגאָסענע נעגל"[2] די ברודיקע שאלן איבער די אומגעוואשענע קעפּ, און מיט בלאסע ליפּן באקרעכצן זיי און באוויינען דאָס הויז.

מיטן מאָרגן איז אָנגעקומען א פריש ווינטל. פריִער וואָלט עס זיכ די הענט צעפּירט, אצינד שאָקלט עס קוים מיטן איבער־געבליבענעם אלטן קוימען, ווי מיט א לולעוו איבער די ווײַבער. דער קוימען שאָקלט זיכ און קרעכצט טרויעריק, ווי אן אלמען אן אָוול, און עפּשער הערט ער, ווי דער גאסטהײַזער פארציילט מיר דעם „כורבן־האבאַים" און שאָקלט צו מיטן קאָפּ: עמעס, עמעס!

. . . . . . . . . . . . . . .

געשווינדער וועסטו אמאָל אופקלײַבן יעדן פּאָדעם, יעדן שטויב פון לעבן, פון וועלכן דער שר של שינה[3] האָט דיר אויסגעוועבט א פאנטאסטישן כאָלעם, איידער דו וועסט נישט אויסזוכן אלע מײַסים, וואָס א ייִד מוז טאָן, איידער זײַן אויער דערהערט דעם זיסן קלאנג פון קופּערנעם גראָשן.

איכ זאָל וועלן אלץ פארשרײַבן, וואָלט א שטעטל געדארפט

---

1 דער ריטואל פון גיין אין מיקווע. 2 הענט, שלעכט געוואשענע, נאָך קעדיי מעקײַעם צו זײַן דעם דין פון וואשן זיכ אינדערפרי: „אָפּגיסן נעגל־וואסער". 3 ס א ר ש ע ל ש י נ אָ — דער מאלעכ פון שלאָף.

האָבן א בלאנקעט, ווי די „יערי̇עו[1] מיט די זילבערנע פליטער־לעכ", וואָס דער ריבוינע־שעל־אוילעם האָט אויסגעשפרייט צווישן „רגלי השכינה"[2] און אונדזערע קעפּ, קעדיי די אויגן פון א באָסאָר־וואָדאָם זאָלן נישט זען, וואָס פאר א מינע ער, קאָוואיאָכל, מאכט, ווען אזא מעטופל שטעלט זיך אנידער, הייבט אוף דעם קאָפּ מיטן אויסגעברענטן מויעך, פארלאָשענע אויגן און ציטעריקן גאָרגל, און צוהאלטנדיק דעם ליידיקן, איינגע־צויגענעם מאָגן מיט אויסגעקנאקטע, דאר־ביינוקע הענט — און ער בעט אָן א קאָל, אָן א לאָשן; די צונג וויל זיך נישט איבער־דרייען — נאָר דאָס בלוט זיינס רופט: „ריבוינע־שעל־אוילעם", איך האָב מיינס געטאָן, אצינד — מוזטו שוין העלפן! — ריבוינע־שעל־אוילעם! פּרנסני כעורעו[3]!.. וואָס בין איך ערגער פונעם פויגל?.. ריבוינע־שעל־אוילעם, ווו זענען מיינע קרישקעלעך? ווען וועט זיין מיין שאבעס־שירע"[4]?

און לויטן לייב, וואָס ער האָט אפּ זיך, איז ער גאנץ ענלעך צו א פויגל; עס פעלט אים נאָר פליגל, און דעריבער אויך — א נעסט מיט קרישקעלעך.

פאר דאָס זענען אמאָל די יידישע פּארנאָסעס אזוי ספּעציא־ליזירט, אז זייער גלייכן וועט זיין אינ 21־טן יאָרהונדערט, ווען איין ספּעציאליסט וועט אופהייבן די אייבערשטע ברעם, דער צווייטער — אראָפּדריקן די אונטערשטע און א דריטער וועט באטראכטן דאָס קראנקע אויג.

ווען א קאלבס־בראָטן, א שמאטע אינ א פאבריק פון פּאפּיר,

1 געמיינט: דער הימל. 2 ראגלײ האשכינאָ — דער שכינעס (גאָטס) צו־פוסנס. 3 פּארנעסײני קעוירײו — שפּייז מיך ווי דעם ראָב. 4 איינער פון די ווינטערדיקע שאבאָס־ים. עס איז א מינהעג בא רעליגיעזע יידן אין דעם דאָ־זיקן שאבעס האָדעווען די פייגעלעך (געבן די פייגעלעך קאשע).

אָדער אַנ עקספּאָרטירט איי — זאָלנ האָבנ א מויל צום רעדנ און דעם רעבנ רעב העשלם זיקאָרנ, וואָלטנ זיי דאָכ נישט אימ־שטאַנד געווענ אויסצורעכענענ, וויפל ייִדישע הענט עס האָבנ זיי ארויסגעצויגנ און אַרײַנגעפירט, — פונ פויערס אָבאָרע[1] אינ בראָט־פאנ, פונ מיסט־קאסטנ אינ האָלענדער אַרײַנ, מעבדות לחירות[2].

און א ייִדישע פּאַרנאָסע איז אויכ אזא לייטער, ווי יאנקעווי־אָווינו האָט געזענ אינ כאָלעם, בעשאס ווענ פונ אלע שטיינער איז פאר זײַנ קאָפּ א י י נ שטיינ געוואָרנ. א לייטער, וואָס שטייט אפ דער ערד און גרייכט ביזנ הימל אַרײַנ.

ווי טיפ זי איז אַײַנגעגראָבנ אינ דער ערד, ווייסט נאָר דער וואָרעם, וואָס ליגט א ו נ ט ע ר אירע פיס: ווי הויכ זי שטייט — נאָר דער שטערנ, וואָס לײַכט א י ב ע ר איר.

אונדזער איינעם שווינדלט, ארופקוקנדיק, פאר די אויגנ, אראָפּקוקנדיק אלצ טיפער און טיפער — דרייענ זיכ איבער די גדערעמ, און דאָס פּאָנעם ווערט אפ אייביק גרינ.

אפ דער לייטער גייענ מאלאָכים ארופ און אראָפּ... מענטשנ, יידער, ק ל ע ט ע ר נ מיט די לעצטע קויכעס ארופ און פ א ל נ אָנ קויעכ אראָפּ. א ייִד, ווענ אפילע ער ברעכט נישט האלדז־און־נאקנ, ווענ ער בענטשט שוינ גוימל[3], האָט ער שוינ אויכ נישט קיינ קויעכ נאָכאמאָל צו קלעטערנ...

אפ אזא לייטער איז געקראָכנ אונדזער ניסרעפּ.

פריִער איז ער „געלאָפנ“ אפנ דאָרפ, אונטער די באָרוועסע פיס האָט אימ די ערד געברענט. ד ע ם קאִינ קלינגט נישט דעם

---

1 פּי־־הויפ. 2 מ ע א ו ד ו ס ל ע כ י ר ו ס — פונ קנעכטשאפט צו פרײַהײַט.
3 א לויב צו גאָט, וואָס רעליגיעזע ייִדנ זאָגנ, ווענ זיי ווערנ געראטעוועט פונ עפּעס אנ אומגליק.

ברודערס בלוט אין די אויערן, נאָר ווײַב און קינדס געשריי־עסן!

גאָט האָט געהאָלפֿן; א פּאָר יאָר דורכאַנאַנד האָט ער סאַמע מעציִעס געקויפֿט; נאָך א מעשׂעך פֿון א פּאָר יאָר — אַוואַנסירט פֿון א „לויפֿער“ אַף א „גייער“: אין דער היים איז שוין דאָ פֿאָראַט[1] אַף א גאַנצער וואָך, דער מויעך איז רויִקער און האָט שוין צײַט צו פֿילן, אַז די פֿיס ווערן געשוואָלן, אַז א טאַטע פֿון זעקס קינדער דאַרף גיין, נישט לויפֿן, אויב ער וויל, די פֿיס זאָלן אים דערטראָגן אַלקאָלפּאָנעם ביז צו אײַנעמס באַרמיצווע...

און גאָט, באָרוך־הו, האָט ווײַטער געהאָלפֿן; ער איז שוין, באָרעך־האַשעם, א דאָרף־סויכער! דאָס הייסט: ער גייט שוין צופֿוס נאָר דעמלט, ווען עס מאַכט זיך אים נישט קיין געלעגנהײַט: פֿון איין דאָרף אין צווייטן אַרײַן פֿאַר א קאָפּעקע. מאַכט זיך אָבער אים א געלעגנהײַט — פֿאָרט ער!

גאָט, באָרוך־הו, האָט ווײַטער געהאָלפֿן; נאָך א פּאָר יאָר, — און ער האָט שוין זײַנע אייגענע פֿערד־און־בודקע!

און די צײַט שטייט נישט, ער רוט נישט, גאָט, באָרוך־הו, העלפֿט. — פֿון פֿערד ווערט א פּאָר פֿערד, פֿון דער בודקע — א בריטשקע. עס קומט נאָך צו א שמײַסער! ער איז שוין טוו־עסויכער; פֿריִער האַנדלט ער מיט פּויערים, דערנאָך — מיט פּריצים!

און אַז גאָט העלפֿט, קריגט מען קיין באַ לײַט: פֿריִער באַם גומיעני[2], דערנאָך באַם עקאָנאָם, דערנאָך באַם זשאָנדצע[3], דערנאָך באַם לאַקיי פֿון הויף און גאָר צום סאָף באַם כראַביע[4] פּ. אַליין. אָ! דעמלט ווערט ער שוין א טוישעוו — אַן „אײַנגעזע־

1 זאַפּאַס. 2 פּאַרוואַלטער פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכן הויף. 3 פּאַרוואַלטער פֿונעם גוט. 4 גראַף.



6*

סענער" אין שטעטל. פון שמייסער ווערט א היימישער מעשאָ־
רעס, פערד־און־וואָגן פארקויפט, און אין קעשענע ליגן דעם
כראביע פ.'ס קוויטלעך...

וואָס איז ער אצינד?

אין שטעטל זעט ער שוין אוים ווי א זון, ארום וועלכער
עם דרייען זיך די שטערן — קלענערע סאָכרים, און כוכבי
דשביט[1] — מעקלערס.

ער באשיינט און באלייכט דאָס גאנצע שטעטל מיט קרע־
דיט. יעלענסקין[2] זעט ער אוים ווי א שפין, וואָס זיצט אינמיטן
וועבעכטס, און ווו דער כראביע פ. איז איינער פון די פליגן,
וואָס ווערן פארפלאָנטערט.

נאָך א צייט האָט אונדזער „זון־שפין" אָדער „שפין־זון"
פארגרעסערט דאָס הייזל, געשריבן מיט קינדער טנאָים, צוגע־
זאָגט נאדן, געקויפט דער ווייב פערל, זיך — א שאָפּן־פעלץ,
באשטעלט פאר די יינגלעך בעסערע מעלאמדים. פאר די מייד־
לעך — א לערער, אויסצולערנען כאָטש א יידיש בריוול שרייבן...

פלוצלינג (אלקאָלפאָנעם — פארן שטעטל) האָט דער כראביע
פ. באנקראָטירט און אונדזער שפין־זון אָדער זון־שפין האָט
אפ אמאָל אלץ פארלוירן.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

א כוידעש פריער, ווען איך פאָר דורך, וואָלט איך געוועץ
פארשריבן:

א הויז — 1500 רובל, א פראָפינאציע[3], א האנדל פון וואלד
און טווע, א פראָצענטניק.

---

1 קויכווי דעשאָויט — קאָמעטעס. 2 א באוווסטער פוילישער אנטי־
סעמיט. 3 א האנדל פון ספירט־געטראנקען.

ער האָט באַם כּראַביע פ. 15000 רובל אַפּ 10 פּראָצענט, נישט אַפּ די היפּאָטעק, נאָר אַפּ האַנט-קוויטלעך...
הײַנט פאַרשרײַב איך איין וואָרט:
„ניסרעפּ!"
איך קאָן דאָך צוגעבן:
„א ייִד צוויי און אכציק יאָר, געשוואָלענע פּיס, א הויזגע-זינדר פון זיבעצן פאַרשוינ"...

## XVIII

## דער עמיגראַנט

איך עפן א טיר.

א שטוב אָן בעטן, אָן קיילים, אָנגעשיט מיט היי און שטרוי. אינמיטן שטוב שטייט אַן איבערגעדרייט פעסל. ארום פעסל — פיר מאַרזאַקעס-קינדער מיט צעשויבערטע האָר, ארום א גרויסע געלע ליימענע שיסל מיט „פּיצמיטהאַנע", פון וועלכער זיי שעפן מיט די רעכטע הענטלעך מיט בלעכענע פאַרגרינטע לעפל. אין די לינקע הענטלעך האַלטן זיי — צו שטיקלעך קלייַ-ען-ברויט.

אין איין ווינקל אַפּ דער ערד זיצט א בלאַס ווײַבל, און די טרערן קאַפּען איר פון די אויגן אַפּ דער קאַרטאָפליע, וואָס זי נעמט זיך צום שיילן. אין צווייטן ווינקל ליגט „ע ר", אויסגע-צויגן אַפּ דער ערד.

— בעכינעם אײַער טירכע, ר' קאָרעוו,—מאַכט ער צו מיר און הייבט זיך נישט אוף, — בעכינעם אײַער טירכע: איך בין שוין נישט קיין היגער.

אז ער זעט, אז איך האָב דאָך קיין כּיישעק נישט אוועקצו-גיין, הייבט ער זיך לאַנגזאַם אוף.

— נו, ווּ וועל איך אײַך זעצן? — פֿרעגט ער פֿארדדיסלעך.
איך בין אים מאוטװעך, אז איך קאָן שרײַבן שטייענדיק.

— איר וועט פֿון מיר גאָרנישט האָבן! איך וואַרט נאָר אַף א שיפֿס־קאַרטע... איר זעט דאָך, איך האָב שוין אַלץ פֿון שטוב, אפֿילע די קיילים צו דער מעלאָכע, פֿאַרקױפֿט.

— איר זײַט א באַלמעלאָכע? — פֿרעג איך.

— א שנײַדער.

— און וואָס נייט אײַך אַרויסצופֿאָרן?

— דער הונגער.

און דער הונגער איז געלעגן אַף זײַן פּאָנעם, אַף איר פּאָנעם, און נאָך מער אין די קינדערס ברענענדיקע אײַנגעלעכ איבער דער פּיצמיטהאַנע.

— קיין אַרבעט נישטאָ?

ער מאַכט מיט די פּלייצעס. עס הייסט: אָן דעם האָט מען שוין לאַנג פֿאַרגעסן.

— ווּהין פֿאָרט איר?

— קיין לאָנדאָן. איך בין שוין איין מאָל אין לאָנדאָן געוועזן, שוין געלט פֿאַרדינט. מײַן ווײַב 10 רובל א וואָך געשיקט און אַליין ווי א מענטש געלעבט, האָט דער שוואַרציאָר אַהיים געשלעפּט.

איך האָב געקלערט, אז דער „שוואַרציאָר" איז דאָס ווײַב.

— פֿאַרוואָס האָט איר אײַער פֿאַמיליע נישט מיטגענומען?

— עס האָט מיך אַליין צוריקגעשלעפּט! פֿינצטער, כווישעכ איז דאָרט, אַזוי ווי איך האָב צוגעמאַכט אַן אויג, האָט זיך מיר געכאָלעמט דאָס שטעטל, דער טײַך אַרום, דער וואַלד... עס איז מיר דאָרט ענג געוועזן, עס האָט געצויגן און געצויגן...

— דאָ איז טאַקע, — זאָג איך, — א הערלעכע געגנט.

— לופט בעכאָצי־כינעם[1]!.. און מיר שלינגענ שוינ, באָרעכתאשעם, לופט דריַי יאָר! היַינט פאָר איכ שוינ מיט וויַיב און קינד! אנ עק זאָל עס האָבנ.

— און עס וועט איַיכ וויַיטער א שאָד זיַינ דער וואלד?

— דער וואלד, — פארקרימט ער זיכ מיט א ביטערנ שמייכל, — מיַינ וויַיב איז אייערנעכטנ געגאנגענ אינ וואלד אריַינ קליַיבנ יאגדעס, האָט מענ זי אָפּגעצויגנ און נאָכ מיט א פּאָר ביַיטשנ מעכאבעד געווענ.

— א טיַיכ האָט איר... — וויל איכ אים אוועקציִענ פונ די טרויעריקע געדאנקענ. זיַינ בלאם פּאָנעם ווערט נאָכ בלאסער.

— דער טיַיכ! דעם זומער האָט ער מיר א קינד צוגענומענ. איכ בינ קוים ארויס פונ שטוב.

# XIX

## דער מעשוגענער

איכ בינ אהיימ געקומענ אפ דער סטאנציע דענערווירט. איכ בינ לאנג געלעגנ אפ דער הארטער סאָפע, איידער איכ האָב געקאָנט צומאכנ אנ אויג. עס וועקט מיכ א שאָרכ. דורכנ פענצטער גאנוועט זיכ עמעצ צו מיר אריַינ. איכ זע אפ דער פוטרינע[2] צוויי דארע, ברודיקע הענט. עס הייבט זיכ איבער זיי אופ א צעשויבערטער קאָפּ מיט צוויי ברענענדיקע אויגנ און א געל פּאָנעם.

— מ י כ ווילט איר נישט פארשריַיבנ? — פרעגט דער קאָפּ שטיל.

1 האלב אומזיסט. 2 א ראם.

איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, ער רעכנט: שתיקה כהודאה[1], און שטייט שוין אינמיטן שטוב.

דערשראָקן און נאָך מער פאַרוווּנדערט, לאָז איך פון אים קיין אויג נישט אראָפּ.

— פאַרשרייַבט! — מאַכט ער אומגעדולדיק. — דערלאַנגען אייַך טינט און פּעדער? — ער וואַרט ווייַטער נישט אָפּ א טשוווע און רוקט מיר צו, צו דער סאָפע, דאָס קליינע טישל מיטן שרייַבגעצייַג.

— שרייַבט, איך בעט אייַך, שרייַבט!

און דאָס קאָל איז אַזוי מילד און שטיל, עס שלייַכט זיך אַזוי לייַכט אַרייַן אין האַרץ, אַז איך הער מיך אויף צו שרעקן.

איך זעץ מיך אויף צום פאַרשרייַבן. איך פרעג, און ער ענטפערט.

— איר הייסט?

— יווינע.

— אפן צונאָמען?

— יינגלווייַז האָט מען מיך גערופן יווינע ציג, נאָך דער באַסענע — יווינע דראָנג: נאָר זייַט עס האָט זיך מיר דאָס מיכשל[2] געטראָפן — דער מעשוגענער יווינע.

— אפן דייַטשישן נאָמען?

— א... ד אָ ס מיינט איר? באַלד, באַלד — פּערלמאַן! איר זעט מייַנע פּערל?!

ער ווייַזט מיר די צעריסענע רויטע פאַטשיילע אַרום האַלדז און זאָגט:

— עמעסע פּערל, האַ! נאָר — איך ה יי ס אַזוי! וואָס זאָל איך טאָן?

1 ש ט י ק אָ ק ע ה ו י ד אָ — שווייַגן הייסט מאַסקים זייַן. 2 שטרויכלונג. דאָ: דער אומגליק.

— מיך ווילט איר נישט פֿאַרשרייַבן?

— א ווייב?

— זי זאָלט איר בעסער נ י ש ט פֿאַרשרײַבן... זי ווינט נישט מיט מיר... זײַט דאָס מיכשל האָט מיך געטראָפֿן, ווינט זי נישט מיט מיר... א ווויל ווײַבל! איך וואָלט איר זייער גערן געגעבן געט, נאָר דער ראָוו לאָזט נישט; ער זאָגט, איך טאָר נישט, — א ווויל ווײַבל!

דערבײַ ווערן אים די אויגן פײַכט.

— זי האָט אפילע דאָס קינד צו זיך גענומען. עס איז אים באַ איר בעסער, וואָס וואָלט איך געטאָן דערמיט? ארומטראָגן? מע ווארפֿט אף מיר שטיינער; מע וואָלט מיר נאָך דאָס קינד געשעדיקט.

— איין קינד האָט איר?

— איינס.

— וואָס פֿאַר א „מיכשל" האָט אײַך געטראָפֿן?

— איר זאָלט אזוי ווײסן פֿון אלדאָס בייז, אויב איך ווייס וואָס. דער אוילעם זאָגט — א דיבעק. דער רופֿע זאָגט, אז עס איז מיר א שטיין געפֿאלן אין קאָפּ ארײַן, האָט זיך מיר די נעשאָמע, אָדער ווי ער זאָגט, „דאָס כוֹעס" אראָפּגעלאָזט אין בויך ארײַן, דער שוואַרציאָר ווייסט מיך! איך געדענק נישט דעם שטיין. א בײַל אפֿן קאָפּ האָב איך אפילע.

ער נעמט אראָפּ דאָס היטל מיט דער יארמעלקע צוזאמען, בייגט אײַן דעם קאָפּ און ווײַזט מיר א גאָל בערגל צווישן די האָר.

— עפּשער איז עס פֿון א שטיין, נאָר מעשוגע בין איך, דאָס איז עמעס!

— וואָס איז אײַער שיגאָען?

— צוויי-דרײַ מאָל אין טאָג האָב איך די נעשאָמע אין

בויך, דעמאָלט רייד איך פון בויך ארויס, און קרייע ווי א האָן... איך קאָן מיך בעיין-אויפן נישט איינהאלטן, בעיין-אויפן נישט.

— פ א ר ן מיכשל וואָס זענט איר געוועזן?

— איך בין גאָרנישט געוועזן. עס האָט מיך געטראָפן באלד באַם ערשטן יאָר קעסט... דעריבער האָב איך טאקע נאָר א יי ן קינד, געזונט און שטארק זאָל עס זיין.

— האָט איר עפּעס געלט?

— איך האָב געהאט עטלעכע גילדן נאדן. א סאך אוועקגע-גאנגען אף רעפּועס, גוטע-יִידן... די רעשט האָב איך א י ר אוועק-געגעבן.

— פונוואנען לעבט איר?

— פון צאָרעס... יִינגלעך ווארפן מיר שטיינער, קאָן איך מיך נישט אומדרייען אין מארק, אזוי וואָלט איך עפּשער עפּעס פארדינט נעבן א סויכער...

מע פלעגט אף מיר אמאָל ראכמאָנעס האָבן, מעקארעוו זיין. היינט — שלעכטע צייטן; מוז איך בעטלען, בעטל איך פאר ווארמעס, ווען די קינדער זענען נאָך אין כיידער.

און איך האָב ווייניק דערפון... דאָס שטעטל איז קליין, אכוץ מיר זענען נאָך דאָ מעשוגאָים... אָט זאָגט מען, ערשט נעכטן, האָט די „לאָקשיכע" געוואָרפן דער דינסט א פאן אין קאָפּ אריין. זי וועט זיכער מעשוגע ווערן, גאנץ זיכער; איך וויים נאָך נישט, צי זי וועט קרייען ווי איך, צי בלאָזן אין דער פויסט אריין, ווי שלוימעטשע דעם ראָווס, אָדער שווייגן, ווי כאנע די טוקערן[1]...

---

[1] א באדינערן אין באָד פאר פרויען, ווען זיי גייען אין מיקווע.

# XX

## בלאנקעטנ

איכ וויל דאָס שטעטל נישט אָנרופנ באַמ נאָמענ, נאָר נאָכ איינס אזוינס ווענ איכ טרעפ אפנ וועג, וואָלט איכ אויכ אָנגעהויבנ קרייענ.

— נאַט אייַכ בלאנקעטנ!

„געוועזנ אנ אויסגעצייכנטער שוסטער, מעפארנעס געוועזנ ווייַב אונ קינדער (זעלטנ — ווייניקער אלס פיר — פינפ) בעקאָוועד. געווינענ אפ דער לאָטערייע, אפ א „בראָנשווייַגער“, — א מאַטמענ מיט גאָלד... אָנגעהויבנ טרינקענ. אלצ פארטרונקענ, ווייַב אונ קינדער אפ דער מעדינע געלאָזט, אונ אליינ איז ער נעלעמ געוואָרנ, שטארבט אוואדע ערגעצ אונטער א צאמ.“

נאָר דאָס איז ווייניק יידישלעכ. נאַט אייַכ „מים שלנו“[1] זייַנ שוטעפ צום בראָנשווייַגער:

„געוועזנ א מעלאמעד. געווינענ אפ דער לאָטערייע, געדונגענ בעשוטעפעס מיטנ רעבנ א מיל. די מיל איז געגאנגענ קאפויר! באנקראָטירט... הייַנט איז ער שאַמעס אינ א כסידים-שטיבל. קיינ פענסיע נעמט ער נישט, נאָר ער פארקויפט אינ שטיבל דעמ ביטערנ טראָפּנ. דאָס ווייַב איז אנ אייַנקויפערנ, צעטראָגט אינ די הייַזער אייער, פוטער. זי פארדינט ווייניק, ווייַל זי איז לאָם. איינ זונ איז אוועק, דער צווייטער ארבעט ערגעצ באַ א סטאָליער; איינער איז אינ דער היימ, — קראנק אפ שקראָפל“.

„אלמאָנע ביילע-באשע (דעמ צונאָמענ קאָנ מענ נישט געוואָר ווערנ) ווינט צוזאמענ מיט א שנור א זעלנערקע (דער

[1] מאַיִמ שעלאָנו — א וואָרט-שפּיל, דאָ געמיינט: יידישער שטייגער.

מאַן איז נעלעם געוואָרן אין טערקישן קריג). די שנור פליקט פעדערן. זי איז א טוקערן און א וועכטערן בא קימפעטאָרנס אָדער אזוי בא קראַנקע. זומער, קאַלזומאַן דער פּאָרעץ האָט גע־לאָזט, פלעגט זי קלויבן יאַגדעס אין וואַלד. א קראַנקע ייִדענע, בעטלט א ביסל צו...״

„זייַנוול גראַפּ — ערשט נישט לאַנג געוואָרן א שינדער. פאַרא־יאָרן איז ער נאָך געווען א גרויסער פישער, האָט ער אָפּגע־דונגען דעם טייַך, וואָס דער פּאָרעץ האָט געוואָלט פאַרדינגען א קריסט; א סאַך אָפּטרעט־געלט געגעבן. א גאַנצן זומער האָט ער געכאַפּט נאָר טרייפענע פיש און איז בעדיל־האַדאַל געוואָרן.״

„שמערקע בענטשעס — א געוועזענער דאַנציקער סויכער... שוין א יאָר צוואַנציק אז ער איז אַהיים געקומען מיטן בייַטש־שטעקעלע... האַנדלט פון דעמלט אָן מיט ראָזשינקע־ווייַן אפּ קידעש. דאָס ווייַב — א נייטערן; שוין א פּאָר יאָר ליידט זי אפּ די אויגן. זיי האָבן אפילע קיין קינדער נישט, נאָר עס איז א גרויסע קאָנקורענץ אפּ ראָזשינקע־ווייַן, לעבן זיי בעדוויכעק.״

„מיילעך פערלס — א שיינער יונגערמאַן, נישט לאַנג נאָך קעסט... געהאַנדלט בעשוטפעס מיט א טוויע־סויכער, אָנגעווירן דאָס געלט; דערווייַל איז דער שווער געשטאָרבן אין אָרעמקייַט. מע ווייסט נאָך נישט, צו וואָס ער וועט זיך נעמען, אינגאַנצן דרייַ קינדער, נישט מער.״

מע האָט מיך נאָך געבעטן, איך זאָל פאַרשרייַבן איינעם (מע האָט פאַרגעסן, ווי ער הייסט) א געלן ייִד, מיט ווייַב און קינ־דער (מע געדענקט נישט וויפל, נאָר א סאַך), ער ציט זיך הייַנט — מ אָ ר ג ן אין שטאָט אַרייַן. דער פּאָרעץ האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער פאַכט. מע ווייסט נאָך נישט, צו וואָס ער וועט זיך נעמען, נאָר — „פאַרשרייַבן מעגט איר אים!״

## XXI

# דער לאָמעד־וואָווניק

— באַ אונדז, — די מײַסע פאַרציילט מיר דער דאַרדעקע-
מעלאמעד, — איז טאַקע אין דער עמעס געווען אַ לאָמעד-
וואָווניק.

— ער האָט אַליין געזאָגט? — פרעג איך.

— אַ שיינער לאָמעד-וואָווניק וואָלט ער געווען, ער זאָל
אַליין זאָגן! ער האָט געלייקנט שטיין און ביין. אַז מע האָט
אים געפרעגט דעריבער, איז ער געוואָרן מאָלע-כיימע, אָנגע-
צונדן. נאָר, אַ קאַשע אַף אַ מײַסע, געוואָר געוואָרן איז מען,
געוווּסט! — יאָ... די גאַנצע שטאָט, קינד און קייט האָט גע-
וווּסט! אַ שיילע דאָס איז! מע שמועסט — ברור כשמש[1]! עס
זענען געווען אין דער האַסכאָלע בלתי מאַמינים[2], האָבן זיי טאַקע
געהאַט אַ מיִעסן סאָף.

אָט, לעמאָשל: יאַנקעוו-יויסעפ ווײַנשענקער, אַ ייִד אַפילע
אַן ערלעכער, אַן איש מכובד[3], האָט עפּעס, איך ווייס נישט ווי-
אַזוי, גערדייט אַפ'ן מיט דער נאָז, גערעדט? כאַס-וועשאָלעם!
נאָר אַזוי אַ דריי געטאָן מיט דער נאָז, ווי איינער רעדט —
מויכל! גאָרנישט! — נו, וואָס קלערט איר? עס איז ניט אויס-
געגאַנגען פינף, זעקס יאָר — ווײַנענו! יאַנקעוו-יויסעפ ליגט
אַפן קוואָרעס! אַ ראַכמאָנעס איז געווען אַף לייע דער מילכי-
קערן; עס איז געווען אַ בלאָטע, און זי האָט אים פון דער
קלאַדקע נישט אָפּגעטרעטן! וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, פון דעמאָלט
אָן איז איר מילך געוואָרן גערונען בײַ אַלע באַלעבאַטים עפּשער

---

1 באָרור קאַשעמעש — קלאָר ווי די זון. 2 ביִלטי מאַאַמינים — ניט קיין גלייבער. 3 איש מעכובאָד — אַ בעקאָוועדיקער מענטש.

דאָס ווײַב איז אנ אײַנקויפערנ, צעטראָגט אינ די הײַזער אייער, פוטער.

אַ כוידעש דורכאַנאַנד! און דאָ העלפט נישט קיין בעטן! אַז מע קומט צו אים, מאַכט ער זיך קעלוי־יאָדעו[1] און שעלט נאָך!

און גלאַט — וויל איך מײַן כאַריפעס באַווײַזן — תלמיד חכם שמחל על כבודו אין כבודו מחול[2]!

— טאַלמיד־כאָכעם?! איז אַ לאַמעד־וואָווניק אַ טאַלמיד־כאָכעם? און רעכט איוורע, מיינט איר, האָט ער יאָ געקענט? נויעך מיט זיבן גרײַזן! און גלאַט?! איוורע איז גאָרנישט! בײַ אונדז האַלט מען נישט פון קיין איוורע. ער האָט אַפילע נישט געקאָנט מײַווין זײַן די סעדרע. און פונדעסטוועגן, זעט איר, האָט זײַן טילים זאָגן געמאַכט אַזאַ רוישעם אין די אױלעמעס־האָעליוינים[3]! נאָך יענער ראָזו, זיכרוינוי ליוורעכע, האָט געזאָגט, אַז וועלוול (אַזוי האָט ער געהייסן, דער לאַמעד־וואָווניק) לעכע̇דט אַלע שבעה רקיעים[4]! און נאָר זײַן טילים מיינט איר? איך וועל אײַך פאַרציילן, וואָס אַ מענטש איז! בײַ כאַנע דער טוקערן איז לוי־אַלייכעמדיק געוואָרן די ציג, האָט זי זי געטריבן צום זנאַכער, וואָס וווינט אונטער דער שטאָט. די ציג וואַקלט זיך, אַזוי כוילע איז זי געוועזן.

אַפּן וועג—ס'איז טאַקע געוועזן מין־האַשאָמאַיִם — טרעפט זיך די ציג מיטן לאַמעד־וואָווניק. און אַזוי ווי זי וואַקלט זיך, האָט זי זיך אָנגערירט אין זײַן בעגעד. וואָס קלערט איר? כאַחד האָדם[5]! אין דער רעגע געזונט געוואָרן. זי האָט עס געהאַלטן אַפילע בעסאָד, האָט זיך אָבער געטראָפן אַזאַ מײַסע: עס איז

---

1 גלײַך ווי ער ווייסט ניט. 2 טאַלמיד כאָכאָם שעמאָכאַל אַל קווידוי, אײַב קווידוי מאָכול — אַ טאַלמיד־כאָכעם, ווען ער איז אַפילע מויכל זײַן קאָוועד, איז זײַן קאָוועד אָבער ניט מויכל. 3 אין די אייבערשטע וועלטן, אין הימל. 4 שיווּאָ רעקיִיִם — זיבן הימלען. 5 קעעכאָד האָאָדאָם — ווי אַ ליאַדע מענטש.

געוואָרנ א פעגירע אפ ציגנ, טאקע מאמעש „אין בית"[1]... האָט זי אויסגעזאָגט די סגולע. האָט מענ ארויסגענארט װעלוועלענ אינ מארק ארײַנ אונ ארופגעיאָגט אפ אים אלע ציגנ.

— אונ אלע זענענ געזונט געוואָרנ?

— א שײַלע דאָס איז, אפילע טאָפּלט מילכ געגעבנ! די טו־קערנ האָט דערפאר באקומענ א גראָשנ פינ א ציג; ניסאשער געוואָרנ!

— אונ ער?

— ער? גאָרנישט! אז ער האָט אלצ אָפּגעלייקנט, נאָכ גע־בייזערט זיכ אונ געשאָלטנ... אונ אזוינער טאָר נאָר קיינ געלט נישט נעמענ, ער איז דאָכ קיינ גוטער־ייִד נישט... ער קאָנ דאָכ נישט ניסגאלע ווערנ!

— פונ וואָס האָט ער געלעבט?

— אמאָל איז ער א שוסטער געוועזנ (א לאמעד־וואָווניק מוז דאָכ זײַנ א באלמעלאָכע; כאָטש א וואסערטרעגער, נאָר א נהנה מיגיע כפו), אינ זײַנס א פּאָר שיכ פלעגט ע ר, זאָל לעבנ, גייִנ צו סאנדיקאָעס... נאָר אפ דער עלטער איז ער געוואָרנ אויס שוסטער; ער האָט שוינ נישט געקאָנט אפילע קיינ דראט־ווע ציִענ, ווער שמועסט א לאטקעלע לייגנ... די הענט האָבנ אים געציטערט... נאָר אזוי: א שליכעסל, א קענדל וואסער, א לינאָ[2], א טילים זאָגנ... פונ דער טויכעכע[3]... אונ ווינטער — דער אי־קער פונ הרובע הייצנ אינ בעסמעדרעש!

---

1 א יי נ ב א י ס — דאָ: אינ יעדנ הויז; אומעטום. 2 דאָ: איבערגעכטיקנ (בא א קראנקנ). 3 א קאפיטל אינ דער טוירע, ווו עס ווערנ אויסגערעכנט גאָטס שטראָפנ פאר ניט פאָלגנ אים. ווענ עס קומט אויס פאָרצולייענע דאָס דאָזיקע קאפיטל אינ בעסמעדרעש, רופט מענ אופ געווייגטלעכ אנ אָרעמאנ. מע באצאָלט אים דערפאר.

— האָלצ האָט ער געטראָגנ?

— געטראָגנ?! אונ כעוורע ווו איז? מע האָט געברענגט האָלצ, ארײַנגעלייגט, ער האָט קאָמאנדירט אונ אונטערגעצונדנ... מע זאָגט „א דומם"[1], אנ אויוונ! אונ זעט איר, דער בעסמעדרעש-אויונ האָט אימ אזוי געקענט, ווי א ווײַב, לעהאוודל, א מאנ! אז ער האָט אונטערגעהייצט, האָט זיכ געברענט; עס האָט געמעגט זײַנ א ווינט סאקאָנאס-נעפאָשעס! אומעטומ האָט געררייכערט, אונ דער בעסמעדרעש-אויונ האָט געפלאקערט! אונ דער אויוונ איז געוועזנ א צעשפאָלטענער, א זאָקנ-מופלעג! אונ לאָז אנ אנדערער פרווונ צוגיינ — בעיינ-אויפנ! אָדער עס ברענט נישט, אָדער דער רויכ יאָגט פונ אלע שפאלטנ! אונ אניט, אז נישט דאָס אונ נישט יענס, גייט ארויס די ווארעמ דורכנ קוימענ, אונ באנאכט ווערט מענ שיר נישט געפרוירנ. דערנאָכטנ, אז ער איז ניפטער געוואָרנ, האָט מענ טאקע געמוזט ארײַנשטעלנ אנ אנדערע קיילע; ווײַל אפנ אלטנ אויוונ האָט קיינער קיינ שליטע נישט געהאט!..

א שאָד אזא ייִד! קאָלזמאנ ער האָט געלעבט, איז געוועזנ פארנאָסע; הײַנט, ראכמאָנע-ליצלאָנ, אויסצוגיינ פאר א דרײַער: אונ מע האָט קיינ דאָקטוירימ נישט געדארפט...

— אלצ זײַנ טילימ?

— איר פרעגט ערשט! מע שמועסט „תציל ממות"[2]! בעכויש!

— איז קיינער נישט ניפטער געוואָרנ אינ זײַנ צײַט?!

— כולי האי[3]! קיינער נישט ניפטער געוואָרנ! וואָס איז, דער מאלעכ-האמאָוועס, מיינט איר, האָט שוינ גאָר קיינ דייע נישט?

1 דוימיימ — א גיט-לעבעדיקע זאכ. 2 טאציל מימאָוועס — ס'ראטעוועט פונ טויט. 3 קולי היי — ווי שיקט זיכ עס.

וויפל מאָל, מיינט איר, האָט דער „ייִד“ אליינ, זיכרוינוי ליוו־ראָכאָ, אָנגעוווּנטשנ לירעפוּע־שליימע, אונ ער, דער סאָטנ, האָט זיך געשטעלט „שטאָרצעמ“, נו, האָט עפּעס געהאָלפנ? א מאַלעך איז פּאָרט נישט קיינ קלייניקייַט! אונ דאָס בעסדינ־שעל־מייַלע[1] פּאסקעט אימ אויך אמאָל צו! ווי דענ! קיינ דאָקטער האָט מענ פּאָרט נישט באדארפט; עס האָט טאקע קיינער דאָ נישט אויסגעהאלטנ; הייַנט האָבנ מיר צ ו ו י י דאָקטוירימ!

— כוצנ ז נ א כ ע ר?

— ער איז שוינ אויך פּארכאפּט געוואָרנ...

— געפּייגערט?

— אפ א ז ו י נ ע מ זאָגט מענ נישט ג ע פּ י י ג ע ר ט... די סטרא אחרא[2] איז אויך נישט קיינ קלייניקייַט...

XXII

## דער מאָסער

אויב טאָמאשאָוו האָט געהאט א לאמעד־וואָווניק, האָט זי פאר דאָס געהאט א מאָסער אויך! דאָס האָט מיר פארציילט דער דארדעקע־מעלאמעד. אונ ער איז אויך ערשט נישט לאנג — נאָר איך וויים נישט, וואָס מע זאָגט — ניפטער, געשטאָרבנ, צי פארכאפּט געוואָרנ.

אונ עפשער מיינט איר — א פּראָסטער מאָסער, פּאָשעט קעמאשמאָוי: ער האָט געזענ ערגעצ א פאלשע מאָס, א נישט־גלייַכע וואָג, איז ער געגאנגענ אונ האָט אויסגעזאָגט? כאס־ווע־שאָלעמ, דאפקע נישט! נאָר „לוי־יעכרעצ“־געלט[3]! נאָר גע-

1 גאָטס געריכט. 2 ס י ט ר אָ א כ ר אָ — געמיינט: דער טייַוול אָדער די, וואָס זייַנענ פארבונדנ מיטנ טייַוול. 3 געלט פאר ניט אויסזאָגנ, פאר ניט מאסערנ.

סטראשעט: אַט גייט ער, אַט לויפט ער, אַט פאָרט ער, אַט שרײַבט ער, אַט שיקט ער א „שטאפעט!“ אוכעדוימע גוטע זאכן; און האָט אויסגעצויגן די קליי פון די ביינער...

— און איינס איז ער א מאקע שולדיק געווען! — פארציילט דער דארדעקע־מעלאמעד — איך געדענק דאָך נאָך, ווען יערו־כעם האָט אים אראָפּגעבראַנגט! א זײַדענער יונגערמאַן! נאָר יערוכעם האָט צוגעזאָגט נאָדן מיט קעסט און אליין נישט גע־האַט קיין מזון סעודה אחת[1]. און יערוכעם אליין איז אויך א מאקע שולדיק; דער ברודער זײַנער געצל (א קילײַ[2], א גוויר־אַצום), דער האָט דאָס גרעסטע כיילעק דערינען!

עס איז די מײַסע מיט צוויי ברידער; איינער א קלוגער און א גוטער, און דער צווייטער א נאר און א שלעכטער, דער גו־טער־קלוגער איז אַן עוויגער, און דער שלעכטער נאר — אַן אוי־שער־גאָדל. פארשטייט זיך, אז דער רײַכער וויל דעם אָרעמען נישט העלפן.

— מיילע, קאָלזמאַן עס איז נעגאנגען וועגן מעזוינעס, האָט יערוכעם געשווינגן, אָבער. אז די בסולע זײַנע, גרונע, איז איבער־געוואקסן למעלה מעשרים אמה[3], און א 19—20־יעריקע באָנ־רעס[4] געוואָרן, האָט שוין יערוכעם געשטורעמט, שטאָט און ראָוו האָבן זיך ארײַנגעלייגט, און געצל האָט געגעבן א קוויטל: אז א יאָר אכאר־האכופּע[5] וועט ער אויסצאָלן אזויפיל און אזוי־פיל. פרײַער וויל ער נישט: דאָס פּאָרפּאָלק קאָן זיך נאָך צעגיין, יערוכעם וועט אופּעסן דאָס געלט, און מע וועט ווײַטער שטו־רעמען נאָדן.

1 מאָזוין סודאָ אכאס — שפּײַז אף איין מאָלצײַט. 2 זייער א קאר־גער. 3 לעמאלאָ מייעסרים אמאָ — העכער צוואנציק איילן. דאָ געמיינט: א דערוואקסענע. 4 א פוליאָריקע, א רײַפּ געוואָרן מיידל. 5 נאָך דער כופּע.

געוואָלט האָט ער דרײַ יאָר, געפּויעלט האָט מען אַפֿ א יאָר! דערנאָך האָט געצל געזאָגט לאו הכי[1]! בעדינייהעם איז דאָס קוויטל נישט ווערט געוועזן א דרײַער, דערווײַל איז געוואָרן אויס „יד ישראל תקיפה"[2]; דער אלטער ראָוו איז ניפטער גע־וואָרן, דער נײַער ראָוו מישט זיך נישט, ער האָט מוירע פארן קאזיאָנע, דער קאזיאָנע שיקט אָפּ לערכאות[3]... און — גאָרנישט! געצל גיט נישט א דרײַער! יערוכעם ווערט נעלעם; אָדער צו א גוטנ־יִיד, אָדער אפּ דער מעדינע... און ביינוש בלײַבט בא גרונען!

דעם ריבוינע־שעל־אוילעמס דראָכים זענען טאקע נישט צום פארשטיין! עס איז דאָך נאריש, ער איז געוועזן א באָכער, זי — א בסולע, איז דאָך א זיווּעג, נ י ש ט לפי מעשיו[4], און — אַן אישע — א מאשינ, א קאַזאק, און א מאַן — א גאָרנישט, א זעקל ביינער, א גל של עצמות[5]! וואָס קלערט איר, זי האָט אים געגומען אינ דער לערן און געמאכט פונ׳ם א לײַט!

זי האָט׳נ נאָר אָנגערייצט אפּ געצלען, ער זאָל נישט לאָזנ אויסגעמענען[6], נישט לאָזנ געבנ אים קיינ אליִע[7]... עס האָט גע־האָלפֿנ ווי אַנ ארבעס אָנ דער וואנט! געצל האָט׳נ אויסגעפּאטשט, און פונ דעמלט אָנ האָט זיך דער יונג געשעמט צו קומען אינ בעסמעדרעש ארײַנ.

איינמאָל פאר פּייסעך, אז ס׳איז שוינ געוועזן כלה כל הקצין, האָט גרונע ווײַטער געיאָגט ביינושן צום פעטער, און געיאָגט

1 לאוו האָכי — געמיינט: עס הייבט זיך ניט אָנ. 2 יאד יִסראָייל טאקיפאָ — געמיינט: די מאכט פונ יִסראָעל איז דאָ שוינ נישט גילטיק. 3 לערכאָויס — אינ געריכט. 4 לעפּי מאאסאָוו — לויט זײַנע טוּונגען, דה. א לוינ לויט די פארדינסטנ. 5 גאל שעל אצאָמויס — א הויפנ ביינער. 6 לייענען די טוירע אינ בעסמעדרעש. 7 דאָס ארויסרופנ עמעצנ פונ די דאווענערס באם פאָרלייענענ די טוירע אינ בעסמעדרעש.

מיט א בעזעם! ביינוש איז נאָכאמאָל געגאנגען, און דער פעטער האָט אים נאָכאמאָל ארויסגעוואָרפן...

און דאָ איז געשען א מייַסע־גוירע, וואָס אפ דער וועלט קאָן זיך טרעפן! מייַן צווייט ווייַב איז דעמלט נאָך א גרושע געוועזן און געוווינט בא גרונעס קאָמאָרינע; און זי האָט אליין געזען, ווי ביינוש איז אהיים געקומען נישט טויט און נישט לעבעדיק און האָט געציטערט ווי אין א פיבער, א מייווס איז מייַן פלוי־ניסטע (איידער דאָס אָרכים־הויז איז אָפגעברענט געוואָרן, איז זי דאָרט באַלעבאָסטע געוועזן), האָט זי באלד געזען, אז עס איז נישט פּאַשעט!

און דאָ דארף נאָך גרונע אהיים קומען פון מארק (זי איז געזעסן מיט בייגל), וועט זי אים דערלייגן; האָט זי אים פאר ראַכמאָנעס אנ אייצע געגעבן, ער זאָל זיך לייגן אָפּרוען אפן פיעקאליק... און ער, ראכמאָנע־ליצלאָן, איז געוועזן ווי א גוי־לעם, מע זאָגט אזוי, זאָל זייַן אזוי; ער איז ארופ אפן פיעקאליק.

גרונע איז אהיים געקומען. מייַן פלויניסטע האלט בישטיקע; ביינוש שלאָפט אפן פיעקאליק, אָדער ער מאכט זיך שלאָפנדיק, און עפשער איז ער שוין נישט געוועזן בא די קלאָרע געדאנקען. וואָרעם, אזוי ווי געצל האָט'ן ארויסגעוואָרפן, האָט ער באלד א געשריי געטאָן, אז ער וועט אויסזאָגן, ווו דער זון ליגט בא־האלטן; און בא קלאָרע געדאנקען וואָלט ביינוש אזוינס נישט געזאָגט.

ווי עס איז געוועזן, אפ דער געצעליכע האָבן די ווערטער א גרויסן רוישעם געמאכט. מייַנע סאָנים זאָלן אזוי וויסן פון זייער לעבן, אויב ביינוש האָט גאָר געוווּסט, ווו יוינע־געצלס איז באהאלטן! נאָר — א יידענע — א מאמע! א בענ־יאָכיד!.. וואָס קלערט איר, — א שפּייַז־קראָם האָט זי געהאט, נעמט זי א

טרעגער מיט א זעקל פּייסעכדיק מעל און הייסט זיך נאָכטראָגן צו גרונען.

זי קומט אַרײַן (נאָר א שאָד מײַן ווײַב איז נישטאָ! זי איז דאָך געווען דערבײַ; אז זי דערציילט, איז צו קײַכן פאַר געלעכ-טער)... זי קומט אַרײַן, דעם טרעגער לאָזט זי אין הויז.

„גוט מאָרגן, גרונע!" — גרונע ענטפערט נישט; ווערט איר שוין פינצטער פאַר די אויגן. „ווו, — פרעגט זי, — איז ביי-נושל?" — „דער שווארצער יאָר זאָל'ן וויסן!" — ענטפערט גרו-נע און דרייט זיך איבער צום קומען, שוימט אַלץ דאָס ייִיכל. איז ער דאָך אוואדע געגאַנגען מאַסערן! מײַן געצעליכע רופט אַרײַן דעם טרעגער, מע לייגט אָפּ דאָס זעקל מעל; גרונע זעט נישט, אָדער מאַכט זיך נישט זעענדיק, דער מאזיק זאָל זי וויסן! די געצעליכע הייבט אָן פלאַמען און צאַפּלען: „גרונישע, מיר זענען דאָך קרויווים, איין בלוט... רופ'ן צוריק! לאָז ער מיך און זײַן געשאָמע נישט אומברענגען!"

אצינד ערשט האָט זיך גרונע איבערגעדרייט. קיין נארישע ייִדענע איז זי נישט געווען, באַלד פאַרשטאַנען, אין וואָס עס גייט, אויסגענאַרט נאָך א פּאָר קערבלעך און געלאָפן קלוימערשט אָפּזוכן ביינושן...

איך שטעטל איז באַלד א שעם געוואָרן, אַז ביינוש מאַסערט... און גרונע האָט האַנאָע געהאַט דערפון... זי האָט געהאַלטן ביי-נושן אָפּן פּיעקאַליק און געסטראַשעט און געצאַפּט בא אַלע באַ-לעבאַטים, ווו נאָר עס איז געווען עפּעס א כעט.

— איז זי דאָך דער מאָסער געווען?

— פריִער זי און דערנאָך ער אַליין. פאַר האַרץ-דריקעניש האָט ער אָנגעהויבן צו טרינקען; דערנאָכטן האָט ער זיך שוין אין די שענקען אַרומגעוואַלגערט און אַליין געמאַכט די קונץ. ער האָט שוין אַפילו גרונען א דרײַער נישט געגעבן און אַלץ

פאַרשאַשעט... אַ שאָד אַזאַ קײלע! װאָס פֿון אים איז געװאָרן!

— װאָס איז געװאָרן?

— ער האָט זיך די קישקעס פֿאַרברענט... פֿריִער נאָך איז ער מעשוגע געװאָרן, איז די גאַסן אַרומגעלאָפֿן, אָדער װאָכנװײַז ערגעץ אונטער אַ צאַם אָפּגעלעגן... נאָך אַהײם צו גרונען — בעײנ-אױפֿן נישט! אַז ער איז שױן גאָר כאָרעװ געװאָרן, האָבן אים צען מענטשן נישט געקאָנט אַרײַנפֿירן צו גרונען אין שטוב אַרײַן. ער האָט געשלאָגן, געביסן... מע האָט אים געמוזט נעמען אין בעסמעדרעש אַרײַן (דאָס אָרכים-הױז איז שױן נישט געװעזן), און דאָרט איז ער ניפֿטער געװאָרן. מע האָט אים אַפּילע געװאָלט ראַטעװען, אַ מומכע גערופֿן, מע האָט טילים געזאָגט...

— דער לאַמעד-װאָװניק אױך?

— אַװאַדע!

— נו?

— אַ מענטש אָן קישקעס, טו עפּעס!

1891 י.